STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01301

# HALB MENTSH HALB AFFE, ODER, VU ZUKHT MAN DEM EMES?

Shomer

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Julia & Leo Krashen*
*in memory of*
*Abraham H. Maller*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# הַאלֶב מֶענְטְשׁ הַאלֶב אַפְּפֶע

אָדֶער

## וואו זוכְט מַאן דֶעם אֶמֶת ?

אֵיינֶע וַואהְרֶע עֶרְצֶעהְלוּנְג

פָאן

## שמר


## ווילנא

שנת תרמ"ח לפ"ק


ГДѢ ПРАВДА ?

разсказъ Н. М. Шайкевича.

1888.

Дозволено цензурою. — 10 Мая 1888 года. Кіевъ.

ВИЛЬНА.
Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Жмудскій переулокъ собст. домъ № 325/2631.

# פאָרְרֶעדֶע

דיא געשיכטע וואס איך גיב דא פאר אייך מיינע לעזער, איז איינע וואהרע ערצעהלונג וואס ס'האט זיך געטראפען מיט מיינעם אבעקאנטין, דיא טרעהרען וואס ער האט פארגאסען ערצעהלענד דיא שרעקליכע געשיכטע זיינען ביי מיר געוועזען דיא בעסטע עדות אז ער האט מיר ערציילט וואהרע ווערטער, ער האט מיר זאגאר אויך פילע דאקומענטע און בריעף געוויזען פון גרויסע מענטשען וועלכע האבען עדות געזאגט אז איהם האט ווירקליך דיא זאנדערבארע מעשה געטראפען, און ער האט אונשולדיג געלידען.

דיא וואהרע געשיכטע קען אלס מוסטער דינען מיא זאל זעהען צוא וואס פערדארבענע מענטשען זיינען פעהיג, און קיין מענטש קען זיך איינהיטען פון דער גרוב וואס חאראקטערלאזע פערזאנען גראבען פאר איהם. דיא העלדען פון דער ערצעהלונג לעבען נאך, דער גרעבער און דער באגראבענער זיינען נאך דא, און איך גלויב אז פיעלע פון דיא לעזער וועלען זיך נאך מיט זייא באגעגענען, און זייא וועלען פון זייער מונד זעלבסט הערען דיא שרעקליכע געשיכטע, דאן וועלען זייא זיך איבערצייגען אז דא איז איין איבעריג ווארט ניטא.

## דער פערפאססער

(הא"ב מיינכ"ש)

# א

## אן דיא לעזער.

דאס לעבען אין אללגעמיין איז אגרויסעס בוך, אונ יעדעס מענטשענלעבען איז אטהייל פון דעם אונגעהייער גרויסין בוך, יעדר איינציגער מענטש ווען ער זאל קאנען שרייבין אונ זאל וועלין זיין ביאגראפיע בעשרייבין, וואלט געוויסס אפילו ביי דעם קלענסטען מענטשעלע ארויס גיקומען אגרויסער ראמאן פון זיין לעבענסגעשיכטע, דען יעדער פון אונז איז אונטערווארפין זיינע ביסעלע יאהר אונטער דיא פערשיידענע צייטין וואס זיינען פול מיט צרות, אונגליקין, עגמת נפש אונ זייער ווייניג נחת.

וויא אפט האבין מיר אגרויסין טעות אין דיא מענטשין, ווען מיר זעהען צום ביישפיל פאר זיך איין אלטין גענעראל, אדער איין אלטין גביר מיינען מיר אז דיא מענטשין האבין זייער פיל וואונדער-בארע זאכין צוא ערציילין פון זייער לעבין, דער גענעראל איז דאך גיוועזן אין פיל מלחמות, ער האט פאר זיך פיל מאהל דעם טייט גיזעהן, אונ דער גביר האט פאר זיך גיזעהן דיא גרויסע וועלט מיט אללע איהרע פערגעניגען, אבער גלויבט מיר מיינע פריינד אז דאס איז איין אירטהום, נעמט דעם אלטין סטאראוועשצניק (דער וואס פאר קויפט אלטע זאכין) וואס קויפט ביי אייך אב אייערע אלטע שמאטעס בעט איהם ער זאלל אייך ערציילין זיין לעבענסגעשיכטע וועט איהר שטוינען, ער האט אזוא פיעל פערשיעדענעס אייך צוא ערציילין אז אייך וועט גאר קיין מאהל ניט מיאוס ווערין איהם צוא הערין, ווייל ער האט זיין גאנץ לעבין גיקאמפפט געגין טויזענדער אונגליקין, געגין שרעקליכע שוידערהאפטע צייטין, וועהרענד דער אלטער גענעראל האט נור געגין מענטשין אונ ניט מער וויא אייניגע געציילטע מאהל גישטריטין, אונ דער אלטער גביר קאן אייך נור ערציילין פון דעם וואס ער האט גיזעהן אין דיא בעדער וואוהין ער

פלעגט פארין פארברייננגען דעם זומער און מישטיינס געזאגט וואס האט ער דארט גיקאנט זעהן, נאך אזא גביר וויא ער, נאך אזא דאמע אקאקעטקע וויא זיינע פרוי איז און נאך אזעלכע פוסטעפאסניקעס וויא זייא ביידע זיינען גיוועזן.

איך בין אקליין מענטשעלע, איהר זאלט מיך אנקוקין בין איך אדרייער ניט ווערטה, איר וועט פאר זיך זעהן אנארעמען אונגליקליכין יודען, וועלכער פלאגט זיך זיין גאנץ לעבין נור פאר דעם שטיקיל ברויט. אייך וועט גאר קיין מאהל ניט איינפאלין מיך צוא בעטין איך זאל אייך מיין לעבענסגעשיכטע ערציילין, דען איהר וועט גאר ניט גלויבין אז אזא קליין מענטשעלע וויא איך בין קאן אייך פער־שאפען אינטערעסע מיט מיינע ערצעהלונגען, נור גלויבט מיר ווען איך זאל אייך פאדראבנע מיין ביאגראפהיע פארשטעלין, וואלט איהר אויסער זיך געווארין, איך וועל ניט איבערטרייבין ווען איך וועל מיר ערלויבין צוא זאגין אז פון מיין לעבענסגעשיכטע קאן מען מאכין אפשר הונדערט ראמאנען, יעדער ראמאן זאל זיין גרויס און גראב וויא דיא נייע קרבן מנחה סדורים וואס בערדיטשובער מוכרי ספרים האבין ערשט אבגעדרוקט, און אום אייך איבערצוצייגין אז איך זאג אייך קיין ליגין וועל איך אייך ערציילין אמעשה וואס מיך אליין האט געטראפין, נור איך בעט אייך אז איהר זאלט זיא ניט אננעמען אלס פוסטע פאנטאזיע, בייא מיין לעבין שווער איך אייך אז זיא איז אמת, און אויב יעמאנד וויל זיך איבערציינין אין איהר ריכטיגקייט קאן זיך אנפרעגין וועגין דעם בייא דיא פערזאנען וועלכע לעבין נאך גאט צוא דאנקען *) און איך וועל מיין גאנץ לעבין גאטטבעטין פאר זייא ער זאל זייא אלאנג לעבין שיינקען, אום זייא זאלין קאנען בעשטענדיג מיינע עדות זיין אין דער געשיכטע, דען עס האט גיהאלטין דאביייא, איך זאל מיין לעצט שטיקיל אייגענטהום, מיין גאנץ פערמעגין וואס מיר איז געבליבין (דאס איז מיין גוטער נאמען) אויך

*) דער העה פיקטעל האט מיר צוגעשיקט אלע דאקומענטע פון זיינע עדות איך קאן זייא אלע זייער גוט, ווער עס וויל דיא דאקומענטע זעהען דעם קאן איך זייא צייגין.

שמר.

(האלב מענטש)

אויך פערליערען, נור דיא ארדענטליכע לייט האבין מיין עהרע גירעטעט.

## ב

## האלב מענטש האלב אפפע.

אין יאהר ...18 אין מאנהייט יוני (דעם ערשטין טאג שבועות) אלס איך בין אריין געקומען צוא דעם בעריהמטין יודישען שריפט-שטעלער קשינפעלד אין דער גרויסער שטאט טרילטע, האב איך ביא איהם אין הויז געטראפין אפרויא פיר וועלכער איך האב מיך אנפאנגס שטארק ערשראקין, איר האט גיכער געפאסט דער נאמען אוראנג אוטאנג (איינע אפפע) אלס דער נאמען פרויא, ניע אין מיינעם לעבין האב איך אזא העסליכקייט גיזעהן, שטעלט אייך פאר אפערזאן הויך אונ דאר וויא איינע אלטמאדישע קאטשערע, שווארץ וויא איינע נעגערין מיט גראע קאטצענאויגין, אנאז (אזעלכע נעז זאל מען ניט זעהן אין קיין יודיש שטוב) אז אין יעדען פון זיינע צוויא לעכער קאן אריין פארין אנעקיפאז מיט פיר פערד נא שפיץ, דאס ברייטע פנים איז געשטופילט פול מיט גריבעלאך, זא דאס אין יעדין גרוב קאן אריין אוועלעשענער נוס, קורץ גירעט ווען יעמאנד וואלט דיא קארוקאטורע ארום געפירט אין דער וועלט, אונ וואלט זיא געוויזין פאר געלד, בין איך ניט מסופק אז ער וואלט זיך אריכטהום פערשאפט, דען אזא משונהדיגע בריאה איז וייט צוא געפינען.

איהר קאנט הער פיקטעל דאס פריילין? האט מיך דער ה' ק... געפרעגט, צייגענד אויף דער קאריקאטורנער דאמע.

איך האב שיער ניט אוים געשאסין אגעלעכטער ביא דעם ווארט פריילין, דאס שיינע פריילין איז שוין אלט גיוועזן ניט ווייניגער פון 40 יאהר.

ניין, איך האב דיא עהרע ניט געהאט זיא צוא קענען — האב איך גיענטפערט.

אזיב אזוא — האט הער קשינפעלד געזאגט — וועל איך אייך בעקאנט מאכין: הער פיקטעל, אונ דאס איז פריילין פלעפען, דיא

פערפאסערין פון דעם ווערק ,די כשרה ליבע׳ אדער ,די קאטין איבער דער סמעטענע׳ זיא האט דאס געשריבין אין דער רוסישער שפראכע .

איך האב מיר פערנייגט נעגין דער פערפאסערין , זיא דאס גלייכין געגין מיר פונקט וויא דיא מאדע פאדערט .

עס האט זיך באלד פערוויקעלט אנגעשפרעך צווישין אונז דרייען אין וועלכין מיינע נייע בעקאנטע האט אויך גנעשאטין מיט העברע-אישע אונ תלמודישע ווערטער אונ האט דאביא אויך פהילאזאפהירט אונ האט געוויזין איהר קענטניסע אין אלע זיבין חכמות .

אבוואהל איהרע אלע ווערטער זיינע גיוועז שמאקלאז , אונ פערשטאנדלאז , דאך האב איך צוא איר געפיהלט אכטונג , דען איך האב דאך גיזעהן אז זיא קאן פארט אביסיל העברעאיש אונ איז בע-לעזין , אונ צווישין דיא יודישע פרויען איז דאך דאס אזעלטענהייט .

אלס מיר האבין זיך פונאיינאנדער געשיידעט האט צו מיר דאס פריילין פלעפען געזאגט מיט אזים שמייכיל בייא וועלכען עס האבין זיך ארויס געוויזען צוויא רייהען שווארצע פוילע ציין , איך האף הער פיקטעל אז איך וועל דיא עהרע האבין איהנען צוא זעהן בייא זיך אין קוואטיר , איך שטייא איין אין האטעל קאזאן № 13 .

ווען איך וועל נור צייט האבין דאן ווערדע איך איהנען געוויס בעזוכען מאדמאאזעל — האב איך גיענטפערט .

זיא איז אוועק געגאנגען , אונ איך בין נאך גיבליבין בייא דעם הערן קשינפעלד .

וויא גיפעלט אייך הער פיקטעל דיא פערפאסערין ? — האט דער הער ק... לאכענד געפרעגט .

זיא גיפעלט מיר זעהער — האב איך שמייכלענד גיענטפערט — שאדע וואס זיא איז ניט גיוועז אין אחשורושעס צייטין , זיא וואלט געוויס דאמאלס איינע קעניגין געווארין , אחשורוש וואלט זיך געוויס אין איהר פערליבט .

יא זיא איז הערליך שיין — האט קשינפעלד געזאגט — אונ וואס זאגט איהר צוא איהר פהילאזאפהיע ?

וואס ווילט איהר ? פאר איודישע פרויא איז דאס אויך צופיל — האב איך גיענטפערט — עס זעהט זיך אן אז זיא האט געלערנט —

דייטש און העברעאיש, זיא שרייבט רוססיש גאר ניט שלעכט, איך האב איהר ראמאן געלעזין.

אזוא איהר האט געלעזין איהר ראמאן? נוא געפעלט ער אייך.

פאר אמאנספערזאן װאלט ער געװען שלעכט, נור קוים האט איהם איין פרויא. געמאכט מוזין מיר איהר אויף אלע פעהלער פערצייהען.

יא אויף דיא גראמאטישע פעהלער קאן מען איהר פערצייהען װייל זיא איז אפרויא, אבער דיא מאראלישע פעהלער זיינען אונפער־צייהליך, פון אפרויאס פעדער האבין ניט באדארפט ארויס גיין אזעלכע חצופישע װערטער, איהר העלדין פון דעם ראמאן קומט פאר װיא איינע פון דיא גאססענמיידלאך װאס לויפין ארום דורך דיא נעכט...

און איך זאג אייך נאך אמאהל, האב איך זיא פערטהיידיגט אז פון אפרויא קאן מען קיין פאלקאמענעם גוטעם װערק פערלאנגן, דען װאו האט אזעלכע געזאלט נעמען דיא װאהרע בילדונג, פון װאנען איז זיא אליין, און װעמעס איז זיא?

זיא איז אליין פון דעם שטעדטיל גנזלער, איהר פאטער איז געװען פריער אמלמד און דער נאך האט ער זיך גלאט ארום געשלעפט אין דיא הייזער.

נוא װאס זשע װילט איהר — האב איך געזאגט — איז ניט גענוג פאר אזא פרויא װיפיל זיא קאן?

איך בין באלד אויך אװעק געגאנגען פון דעם הערן קשינפעלד און האב אויך באלד פערגעסין דיא פערפאסערין, נאר אויף דעם דריטין טאג אלס איך בין פארבייא געגאנגען דעם האטעל קאזאן האב איך מיך דערמאהנט אז דא קװארטירט דאס פריילין פלעפען, און האב מיך אויך עראינערט אז איך האב איהר אבעזוך פאר־שפראכין, בארום בין איך צוא איהר אריין געקומען.

זיא האט מיך זייער פריינדליך און קאקעטיש עמפפאנגען, מיר האבין זיך געזעצט און באלד האבין מיר זיך פערפלאנטערט אין אזא לאנגין געשפרעך אז מיר איז שוין נמאס געװארין זיטצענדיג דא און האב שוין געקלערט אװעק צוא גיין.

מיר האבין גירעט און גירעט — האט צוא מיר פלעפען געזאגט —

און העקר שבחתי, דיא הויפטזאכע האב איך פערגעסין צוא פרעגין, פון וואנען זייט איהר אליין גיבארין ?

איך בין פון דער שטאט אדינבורג.

און וואו וואוינט איהר מיט אייער פאמיליע ? האט זיא מיך ווייטער געפרעגט.

איך זיטץ גרעסטענטהייל אין פאסקולע, און מיינע צוויא קינדער ערציהען זיך ביא מיין מוטער אין אדינבורג.

און וואו איז אייער פרויא ?

מיין פרויא איז אוועקגיפארין זייער אין אווייטין וועג, דיא ווייטע וועג וואס מיר אלע וועלין מוזין אין איהר גיין.

זיא איז גישטארבין ?

יא — האב איך זייפצענד גיענטפערט — שוין זייט צווייא יאר אז זיא איז גישטארבין.

אזוא ? זייט איהר גאר אנאלמן ?

יא איך בין אנאלמן.

נוא פאר וואס זשע שווייגט איהר ? ווארום הייראטהעט איר ניט נאך אמאהל ?

ביא מיר אין הערצען האבין זיך נאך ניט פערהיילט דיא וואונדין וואס מיין ווייבס טייט האבין געמאכט, זאל איך שוין הייראטהען.

אז איהר רעט אזוא זייט איהר האט מיר קיין פעראיביל אקינד, איהר האט געמאנט אייער ווייב ליבין מיט דער גרעסטע ליבע קוים איז זיא גישטארבין דארפט איהר אן איהר פארגעסין און חתונה האבין מיט אנאנדערער.

איך זעה קיין גליק אין דעם, ערשטינס פערגעסט ניט אז איך האב צווייא קינדער, און קוים הייראטהע איך נאך אמאהל מאך איך מיינע יתומימלאך אונגליקליך, צווייטינס בין איך אמענטש ניט אריכער, און איהר פארשטייט דאך מסתמא אז אווייב מיט צרמותה איז ניט קיין פאר קליידער.

ניין איך האלט ניט מיט אייך — האט פלעפען מיט פייער גיזאגט — אזא געבילדעטער מאן וויא איהר זייט קאנט קריגין אווייב וואס זאל אייך גליקליך מאכין, אווייב וואס זאל פארשטיין אייער ווערטה, און

זאל מיט טהיילין מיט איך פרייד און לייד, אוועיב וואס וועט אייך זיין אגעטרייא ווייב און אייערע קינדער אגעטרייע מוטער.

אויף דעם האט דאך שוין שלמה המלך געקלאגט אשת חיל מי ימצא ד. ה. וואו נעמט מען אזאהערע גיטרייא ווייב — האב איך לאכענד גיענטפערט — אדרבא זאגט וואו בעקומט מען אזא טהייערע מתנה וויא איהר האט אבגעמאהלט.

יגעתי ומצאתי תאמין האט דיא גמרא גיזאגט — האט פלעפען לאכענד גיענטפערט — אז מיא זוכט גיפינט מען, ווען איהר זאלט זוכין אזא פרויא וואלט איהר געוויס גיפונען.

אין וועלכע לענדער זאל איך זיא זוכין?

איהר באדארפט גאר ניט פארין אין ווייטע לענדער — האט זיא מיט איהר ליב שמייכעלע גיענטפערט — עס קאן זיין אז זיא גיפינט זיך אין דער שטאט און נעבין אייך...

איך האב שוין פארשטאנען אז דאס געבילדעט פריילין מיינט דאמיט טאקי זיך אליין אז דער אורטאנג אוטאנג האט חשק מיט מיר חתונה צוא האבין, מיך האט אין דער מינוט ביא דעם געדאנק אזוא אנגעהויבין צוא עקלען אז מיר איז פשוט ניט גוט געווארין, איך בין אויף געשטאנען האב איהר געזאגט אדיע און האב גיוואלט אוועק גיין.

וואוהין לויפט איר הערר פיקטעל, מיר איז אייער גיזעלשאפט זייער אנגענעהם, זיצט נאך אביסעלע.

פערצייהעט מאדמאזעל — האב איך גיענטפערט ערגרייפענד מיין מאנטיל — איך האב נאך פילע נאטהיגע גאנגען צוא מאכין, דרום מוז איך גיין, אדיע!

אדיע מאנסייא׳ פיקטעל — האט זיא גיענטפערט און האט זיך בעמיהעט אז דאס ווארט מאנסייא זאל ביא איר פון אונטער דער נאז ארויס קומען פונקט וויא ביא אזאהערע פראנצאזין.

איך האב גיפילט אז איך אטהמע פרייער אלס איך האב מיך ארויס גיכאפט פון איר צימער, אויף דער גאס האב איך זיך ערשט גוט פונאיינאנדער געלאכט אלס איך האב מיך דער מאנט איהר אנמערקונג אז זיא וואלט זיך ניט געווייגערט מיט מיר חתונה צוא האבין.

## ג.

## דער לאסטיגער בעזוך.

"מיט קיין זאך אין דער וועלט באגנוגענט זיך דער מענטש אויסער מיט זיין שכל" זאגט דיא וועלט אפראקטיש ווארט, און נאך מיינער מיינונג קאן מאן נאך צוא געבען דאס ווארט "שיינקייט" מיר זעהען אז דיא העסליכסטע מענטשין מיינען אז זייא זיינען שיין, און קוקען אויף זייער בילד אין שפיגיל מעהר אלס דיא שיינע, מיר באגעגענען כמעט אויף יעדען טריט העסליכע מענטשין פערפוצט וויא דיא פופען, זייער פוטץ מאכט זייא נאך שרעקליכער נאך מיאוסער, און זייא אליין מיינען בייא זיך אז זייא זיינען ענטציקענד שיין.

איך וואלט נימאלס געגלויבט אז דאס פריילין פלעפען רעכינט זיך פאר שיין, ווייל אין איהר אייגענעם ראמאן האט זיא דאך פאר-געשטעלט אשיין מעדכען פונקט וויא אשיין מעדכען דארף זיין, איז דאך אבאווייז אז זיא פארשטייט יא וואס שיינקייט פאדערט, ענדליך האב איך זיך איבערציינגט אז דיא קאריקאטורנע פרויא רעכינט זיך פאר איינע זעלטענע שאנהייט, און זיא האט געגלויבט אז אין איהר קאן זיך פארליבין אפילו אפרינץ, און וועגין מיר האט זיא גאר ניט גיצווייפילט אז איך וועל מיך אין איהר שטערבליך פערליבין, ווייל איך בין דאך שוין אמאן פון 35 יאהר און דערצו אנאלמן מיט צווייא קינדער, דאבייא פערשטייא איך דאך זיא צוא שעטצען פאר איהרע קענטניסע, און פאר איר פהילאזאפהיע

דאמאלס אלס איך בין פון איהר אוועק געגאנגען און האב אין זיך געלאכט פון דעם וואס זיא האט מיר אזא אנמערקונג גיגעבין, האב איך טאקי שפעטער מיט אפאר מינוטין זיך אין גאנצין פארגעסין אן איהר, דען איך וואר דאן בעשעפטיגט און האב גאר קיין צייט געהאט צוא דענקען וועגין אזעלכע דומהייט, נאר באלד האב איך מיך ניט ווילענד געמוזט אן איהר דער מאהנען, דען אויף דעם צווייטן טאג אלס איך בין גיזעסין בייא זיך אין צימער און האב גילעזין אבלאט צייטונג האט מען מיר אנגעקלאפט אין טיהר און אלס איך האב גיגעבין אגישרייא אנטרע, האט זיך דיא טיהר גיעפינט און דאס פריילין פלעפען איז אריין געקומען, זיא וואר פערפוצט וויא דיא

קעניגין נשתי אין אשפאניל נייעם שטראהוט, אנייא קלייד מיט אגרויסין טורנור אויף וועלכין דרייא רייטער האבין זיך געקאנט בעקוועם ארויף זעטצען, אזאנטיג אין האנד אונ אפאנסנע אויף דער נאז.

ווען איך זאל זיא גיוועזן דער זעהן ערגעץ אנדערש אין דעם פוץ וואלט איך מיך געוויס פונאיינאנדער געלאכט, נור בייא מיר אין צימער האב איך מיך געמוזט איינהאלטין, איך האב זיא געמוזט פריינדלאך עמפפאנגען אונ זיא בעטין זיצין, זיא איז דאך פארט אפרויא, אונ נאך אביסיל געבילדעט דאצו.

איך גייא ערשט פון דער פאצט — האט זיא גיזאגט זיך זעצענד — איך האב אוועק געשיקט אבריף צוא דעם דיכטער טורגעניעוו אין פעטערסבורג, ער האט מיר שוין פערדולט מיט זיינע בריעף אונ איך האב איהם געמוזט ענטפערין.

אזוא איהר קארעספאנדירט מיט דעם דיכטער ט...? האב איך געפרעגט.

אשיינע פראגע צוא איך קארעספאנדיר מיט דעם דיכטער ט...
— האט זיא לאכענד גיענטפערט — יענער וואלט פאר מיר קיין צעהן זעק ציבעלעס גענומען, ער איז פון מיין ראמאן ענטציקט, אויב איהר ווילט וועל איך אייך ווייזין זיינע בריף, ער וויל אים איבערזעצין אין פראנצאזישען.

עס איז ניט נעטהיג, איך גלויב אייך אזוא, אונ איך זאג אייך אז קוים האט אייך ט... געשריבין אבריעף אז איהם גיפעלט אייער ווערק מאגט איהר דאמיט שטאלצירין.

שטאלצירין? חא חא חא! — האט זיא געלאכט — ווען איך זאל קוקען אויף דיא קאמפלימענטע חאס דיא גרויסע שריפטשטעלער מאכין מיר האב איך באדארפט זיין בייא זיך גרויס וויא המן ימח שמו, איך וועל אייך ציינין בריף פון אלע רעדאקטערע פון דיא גרעסטע דייטשעסע רוסישע אונ יודישע געלעהרטע, דער רעדאקטאר פון דעם „מארגענשטערן" האט מיר אין איינעם פון זיינע בריף גישריבין אז נאך אזא ווערק וויא מיינע האט נאך דיא רוסישע ליטעראטור ניט געהאט, אונ דער רעדאקטאר פון דעם „פערמיטטלער" האט מיר געשריבין אז ער וואלט זיך גליקליך גישעצט ווען ער זאל קאנען

חאטש אויף מיר אקוק טאהן, אונ דער הערויסגעבער פון דעם „פרעדיגער" האט מיר געשריבן אז יעדעס ווארט פון מיין ווערק האט ער געקוסט, אונ אלע פראפעסארען האבין מיר געדאנקט פאר מיין ראמאן ;

איך האב געגין מיין ווילן אשמייכיל געטאהן הערענדיג דיא דרשה, אונ האב געפרעגט פארשטייט חאטש אונזער פאלק צוא שעטצין אייער ארבייט, פארקויפט איהר פיל עקזעמפליארען ?

נאך ווייסט איהר ניט אז אונזערע יודעלאך זיינען איין אונ־דאנקבארעס פאלק ? — האט פלעפען גיענטפערט ערנסט — זייא פארשטייען דען וואס גוט איז ? פאר זייא איז גוט נור א בבא מעשה, אונ אויף ארעבט ווערק זיינען זיי גאר קיין מבינים ניט, וואו איך וואלט ניט אן מיט גוואלד יענעם אווערק קויפט קיינער בייא מיר, אך וויא אונדאנקבאר וויא דום אונזערע יודין זיינען.

וויא אזוא ווערט מאן דא דעם שלאק פטור — האב איך בייא זיך גיקלערט — זיא וועט מיך דא פערדולין מיט איר ווערק, אונ איך האב גאר קיין צייט מיט איהר צוא טעהן.

איהר וועט נאך דא לאנג פארזאמען אין טרילטא ? — האט זיא מיך גיפרעגט אלם זיא האט גיזעהן אז איך שווייג ;

ביינאהע אכט טאג.

נישט מער ? וואוהין וועט איהר פארין פון דאנען ?

איך באדארף ארייין פארין אין פוקלאשד.

איך קאן אייך גאר ניט זאגין הערר פיקטעל וויא צופרידין איך בין דער פון וואס מיר האבין זיך דא באגעגנט, איהר גיפעלט מיר זייער פאר איין ארדענטליכין מאן, אונ היינטיגע צייטין איז זייער שווער צוא געפינען ארדענטליכע לייט.

איך דאנק אייך פאר אייער קאמפלימענט.

ניין איך בין ניט אויסען אייך קאמפלימענטין צוא מאכין, איך זאג דיא ריינע ווארהייט, אז איהר גיפעלט מיר זייער פאר אנאר־דענטליכען בראפען מאן.

איך וויים ניט וואס פאר בראפקייט האט איר אין מיר גיזעהן.

איך באדארף ניט זעהן — האט זיא לאכענד גיענטפערט — פאר מיר איז גענוג איין בליק קוק אויף אמענטשין דער קאן

איך איהם שוין מיט דיא בייגער, אויף דעם היים איך דאך פלעפען.

חאטש איך האב ניט פארשטאנען דעם שכל דער פון אז צוליב דעם וואס מיא הייסט פלעפען זאל מען זיין אזא מענטשענקענער, נאר אזוא וויא איהרע אלע רייד האבין בייא מיר קיין טעם אונ קיין ריח געהאט, אונ האב זייא גאר ניט געוואלט געדיינקען, אזוא האב איך וועניג דיא לעצטע ווערטער בעאבאכטעט.

שאדע הערר פיקטעל וואס מיר וועלין זיך אזוא גיך צוא שיידין — האט זיא נאך אקורצעס שוויינען געזאגט — בנאמנות מיך קריינקט דאס זעהער.

זאלט איהר מער קיין צער ניט האבין — האב איך שמייכלענד גיענטפערט אונ האב שוין גיוואלט זיא זאל אוועק גיין — גאטט וועט אייך צושיקין אנדערע ארדענטליכע לייט.

וואוהין האט איהר געזאגט פאהרט איהר הערר פיקטעל אין פוקלאשד?

יא אין פוקלאשד.

עס קאן זיין אז מיר זאלין זיך דארט זעהן.

וואס איז איהר פארט אויך נאך פוקלאשד?

עס קאן זיין אז איך וועל פארין אהין, דען איך פאר דאך ארום פערטהיילין מיין ווערק אונ איך רעכין אז אין פוקלאשד וועל איך מאכין גוטע געשעפטע, וואס זאגט איהר?

איך קאן אייך אין דעם קיין ראטה געבין ווייל איך וויים ניט, איך בין ניט בעקאנט אין דעם געגענד.

יא איך האב מיך פארגעסין אייך צוא ערצעהלען אוויכטיגע זאך הערר פיקטעל — האט זיא פלוצים געזאגט אונ האט דאבייא אזא שטארקין נים גיטאן זא דאס זיא האט זיך באסמארקעט.

וואס איז דאס פאר אוויכטיגע זאך.

מיר איז איינגעפאלין פאר אייך אשידוך, אבער אשידוך זאג איך אייך וואס איהר וועט מיר פאר איהם דאנקען צייט איהר וועט לעבין.

איך האב דאך אייך גיזאגט אז איך ווילל קיין שידוך טאהן.

איך קאן שוין אייערע מאנסלייט, איהר האט בעשטענדיג ליב זיך צוא בעריהמען אונ צוא זאגין אז איהר קאנט אוים קומען אהן

(האלב מענטש) פרויען

פְרויֶען, איך ווייס אָבֶער אַז עֶס איז נָאך ניט גיבָּארין גיוואָרין דֶער מַאן וָואס וויל ניט הֵייראַטְהֶען;

איך הָאבּ דָאך אַייך שוֹין עֶרְקְלֶערְט פַאר וָואס איך ווילל ניט הֵייראַטְהֶען.

דָאס איז אַלְץ פוּסְטֶע וֶוערְטֶער, דיא כַּלָּה וָואס איך וֶועל אַייך גֶעבִּין וֶועט אַייך אַזוֹא גֶיפֶעלִין, אַז איר וֶועט אויף קֵיין זַאך ניט קוּקִין, אוּנ וֶועט מיט אִיהר חֲתוּנָה הָאבִּין.

אוּנ איך זָאג אַייך נָאך אַמָאל אַז איך וויל ניט הֵייראַטְהֶען.

פַאר קֵיינֶעם פַאל?

פַאר קֵיינֶעם פַאל.

אוּנ וויא וָואלְט צוּם בֵּיישְׁפִּיל גֶיוֶועזְן, וֶוען אַזַא מֶעדְכֶען וויא איך בִּין וָואלְט מיט אַייך גֶעוָואלְט הֵייראַטְהֶען, וָואלְט אִיהר זיך דַאן אויך עֶנְטְזַאגְט?

אַפִינְסְטֶערֶער אַוויסְטֶער חָלוֹם אויף דַיין קָאפְּף! — הָאבּ איך זיך גֶעקְלֶערְט אוּנ הָאבּ דָאבֵּייא מיט אַשְׁמֵייכיל גֶיעֶנְטְפֶערְט: וויא קוּמְט אַזַא פְּרָאסְט אָרֶם מֶענְטְשֶׁעלֶע וויא איך בִּין צוּא הֵייראַטְהֶען מיט אַזַא גֶעבִּילְדֶעטֶע פְרֵיילִין וויא אִיהר זֶענְט וָואס דיא גְרֶעסְטֶע רֶעדַאקְטָארִין פַאלִין פַאר אַייך.

זֶעהט אִיהר הֶערר פִּיקטעל, אוּנ איך בִּין בַּייא זיך גָאר ניט שְׁטָאלְץ, איך זוּך גְרָאדֶע אַזַא מַאן וויא אִיהר זֶענְט, ווייל איך ווייס אַז פַאר אַייך קָאן אַפְרויא גְלִיקְלִיך לֶעבִּין.

אִיהר וֶועט מיר פֶערְצֵייהֶען פְרֵיילִין פלעפען — הָאבּ איך גֶיעֶנְטְפֶערְט אויפְשְׁטֶעהֶענְד פוּן מַיין שְׁטוּל — איך מוּז אַייך אוּם פֶערְצַייהוּנְג בֶּעטִין איר זָאלְט מיר עֶרְלויבִּין אָבְּשֵׁייד נֶעמֶען פוּן אַייך, דֶען איך מוּז אין עֶטְלִיכֶע עֶרְטֶער אַריין גֵיין.

נוּא אוּנ וָואס עֶנְטְפֶערְט אִיהר אויף מַיינֶע וֶוערְטֶער?

מיר וֶועלִין נָאך וֶוענִין דֶעם רֵיידִין, איך פָאהר עֶרְשְׁט אין אַכְט טֶעג אַרוּם אַוֶועק.

אוֹיבּ אַזוֹא זַייט איר גֶירֶעכְט — הָאט זיא גֶעזָאגְט מיר דיא הַאנְד רֵייכֶענְד — אִיהר זַייט וויא עֶס שֵׁיינְט פוּן דיא מֶענְטְשִׁין וָואס הָאבִּין זיך לִיבּ נוּט אִיבֶּערְצוּלֶעגֶען אֵיידֶער זַייא טוּהֶען עֶפֶּעס דָאס איז זֶעהֶער פַיין פוּן אַייך, אַדְיֶע מָאן אַמִי!

(האלב מענטש) אדיע

אדיע פריילין פלעפען ! — האב איך גיענטפערט און האב גאטט געדאנקט וואס דיא מיאוסע בעשעפענעס גייט אוועק פון מיר .

# ד

## זיא איזט שוואנגער .

„פון איין אונציימיגען שפאס קאן אמאהל דער שרעקליכסטער ערנסט ארויס קומען" האט איינער פון דיא אלטע פהילאזאפהען געזאגט , קיינער האט זיך אזוא ניט איבערצייגט אין דיא ריכטיגקייט פון דעם קלוגען ווארט וויא איך , פון דעם שפאס וואס איך האב מיר ערלויבט מיט דער פריילין פלעפען דאמיט וואס איך האב איהר אויף איהרע נארעשע ווערטער גיענטפערט . מיר וועלין נאך וועגין דעם ביידין פון דעם שפאס האב איך נאכהער וויא מיא זאגט מיט בלוט געשפייגין , און איך בין דער אונגליקליכסטער אין דער וועלט געווארין , וויא דיא לעזער וועלין שפעטער הערין .

דיא עטליכע ווערטער וואס איך האב איר גיענטפערט שפאס־האפט זיינען דער געבילדעטער קאריקאטור גוט אין קאפף אריין , זיא האט דאס אנגענומען פאר איין ערנסט און האט געמיינט אז איר פלאן האט זיך מיר געלייגט אויף דעם קאפף און איך וויל מיר נאר מיישב זיין וועגין דעם , פון יענעם טאג אן איז בייא איר קיין צווייפיל געוועז אז איך וועל מיט איהר הייראטהען , און זיא האט מיר אנגעהויבין צוא מאכין וויזיטין דרייא מאהל אין טאג , איך האב איר שוין פיל מאהל גיגעבין אנצוהערענס אז עס פאסט ניט פאר אמעדכען זיא זאל מאכין וויזיטין איונגען מאן אין אהאטעל , אז דורך דיא בעזוכע קאן איהר נאמען וויא אויך מיינר ליידין , דאס האט אבער אלץ ניט געהאלפין , וואס מעהר איך האב מיך פון איר ערווייטערט איז זיא מיר אלץ מעהר נאכגעלאפין , עס איז מיר ענדליך געווארין אזוא ענג דורך איהר אין שטאט אז איך האב מיך בעשלאסין אוועק צוא פאהרין פריער איידער איך האב פריהער געדאכט .

איך בין אוועק געפאהרען , און וויא אויף להכעיס איז אמינוט

פאר מיין אבריידן דאס ליעבע פריילין פלעפען גֶעקומען צוא מיר אין צימער ·

וואס ? אידר פארט גאר אוועק ? — האט זיא וויא ערשראקען גיזאגט אלס זיא האט דער זעהן אז מיין טשעמאדאן איז שוין פרפאקט, אונ בין שוין אנגעטאהן אין מיין רייזענמאנטעל ·

יא איך פאהר אוועק — האב איך גיענטפערט העכסט צופרידין ביא דעם געדאנק וואס איך זעה דיא מיאוסע בעשעפענים דאס לעצטע מאהל ·

אזוא ? אונ אידר האט מיר גאר ניט געזאגט אז אידר פארט אוועק ?

איך פערשפאר אייך צוא זאגין , אידר זעהט דאך אליין ·

פע דאס איז פון אייך זעהער אונארדענטליך הערר פיקטעל , איך האב דאס פון אייך ניט ערווארטעט ·

אידר האלט דאס וויא איך זעה פאר אגרויס פערברעכען ·

געגין מיר איז דאס אנ'אונגעהייער פערברעכען, עפעס ווייסט איר דאך אז איך בין צוא אייך צוגעבונדין מיט לייב אונ זעלע, אונ אייער אבפאהרען וועט מיר פערשאפין שמערצין ·

ניין איך וויים גאר דער פון ניט — האב איך שמייכלענד גיענטפערט ·

אלע מענער זיינען אונגעטרייע פערזאנען , בערעכינט וואס איר האט דא געטאהן, אידר האט גיקאנט אוועק פארין , איך זאל מיך אפילו מיט אייך ניט גיזעגענען ·

נוא וואס זשע וואלט דאס געוועזן פאר איין אונגליק ·

איך פערשטייא אז ביא אייך מאכט קיין זאך ניט אויס, נור מיר ווייבספערזאנען זיינען ניט גלייך צוא אייך אונדאנקבארע, מיר אז מיר האבין יעמאנדען ליעב , אדער מיר זיינען אלטע גוטע פריינד קאנען מיר זיך גלייכגילטיג פון איהם ניט שיידין ·

זיא האט נאך דיא ווערטער ניט גיענדיגט אלס צוא מיר אין צימער איז אריין געקומען מיין גוטער פריינד דער דאקטאר ברונד איך וואר ביא איהם מיט אפאר שטונדען צוריק פון איהם אבשייד גענומען , אונ האב איהם אין דער היים ניט געטראפין דארום האב איך איהם איבער געלאזט מיין קארטע אויף וועלכע איך האב

אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַז אִיךְ פָאר אַוֶועק, אַלְס עֶר אִיז נָאךְ הוֹיזֶע גִיקוּמֶען און הָאט מַיין קָארְטֶע גֶעפוּנֶען, אִיז עֶר בַּאלְד צוּא מִיר גֶעלָאפִין זִיךְ גֶעזֶעגֶנֶען מִיט מִיר.

גוּט וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ נָאךְ אִין קְוַואטִיר גֶעטְרָאפִין הָאט דֶער דוֹקְטוֹר גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל אַייךְ וֶוענִיגְסְטֶען קָאנֶען גֶעבֶּען מַיין בְּרָכָה אוֹיף אַייעֶר וֶועג, אִיךְ גְלוֹיבֶּע אַז דִיא בְּרָכָה פוּן אַזַא צַדִיק וִויא אִיךְ בִּין וֶועט אַייךְ זֶעהֶער הֶעלְפֶען אִין אַלֶע אַייעֶרֶע אוּנְטֶערְ-נֶעהְמוּנְגֶען.

אִיךְ דַאנְק אַייךְ זֶעהֶער לִיבֶּער ברוּנד הָאבּ אִיךְ גִיעֶנְטְפֶערְט אִידם דִיא הַאנְד דְרִיקֶענְד, אִיהר מָאגְט אַייךְ שְׁפַּאס מַאכֶען, און אִיךְ זָאג אַייךְ עֶרְנְסְט אַז דֶער זֶעגֶען פוּן אַגוּטִין פְרַיינְד אִיז בַּייא מִיר זֶעהֶער טְהַייעֶר.

דָאס הָאט דָאךְ דִיא גְמָרָא לַאנְג גֶעזָאגְט — הָאט זִיךְ פלעפען אַריינְגֶעמִישְׁט — אל תהי קללת הדיוט קלה בעיניך אַז דִיא בְּרָכָה פוּן אַיין אַיינְפַאכִין מֶענְטְשִׁין זָאל מֶען נִיט הַאלְטִין פַאר גְרִינְג.

דֶער דוֹקְטוֹר הָאט אַקוּק גֶעטָאהן אוֹיף דֶער פְרַיילִין פלעפען, און אִיךְ הָאבּ אִין זַיין גֶעזִיכְט גֶעלֶעזֶען זַיין עֶרְשְׁטוֹינֶען בַּייא דֶעם אָנְבְּלִיק פוּן דֶער הֶעסְלִיכֶער פְּרוֹיא.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מִיט דֶעם דָאקְטוֹר בְּלַייבִּין אַלֵיין, דָאס הַייסְט אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פָּטוּר וֶוערִין פוּן דֶער גֶעבִּילְדֶעטֶער פלעפען, דַארוּם הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ אַייךְ פַאר מַיין אָבְּרַייזֶע אַיינִיגֶע וִויכְטִיגֶע זַאכִין אִיבֶּער צוּא גֶעבֶּען הֶערר ברוּנד.

נוּא קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער גַאס און גִיט זַייא מִיר אִיבֶּער.

אִיהר פֶערְשְׁפָּארְט צוּא גֵיין אוֹיף דֶער גַאס, אִיךְ קָאן אַייךְ דָא אִיבֶּער לָאזִין אַלֵיין — הָאט פלעפען גֶעזָאגְט — דֶען אִיךְ בְּרוֹיךְ אַלְס אַיינְס אַוֶועק צוּא גֵיין.

דָאס מֵיין אִיךְ דָאךְ — הָאבּ אִיךְ בַּייא זִיךְ גִיקְלֶערְט.

נוּא אַדְיֶע הֶערר פיקטעל! — הָאט זִיא צוּא מִיר גֶעזָאגְט מִיר אִיהר שְׁוַוארְצֶע גְרוֹיסֶע הַאנְד רֵייכֶענְד — פָּארְט גֶעזוּנְדֶער הַייט, קָאן אִיךְ הָאפִין פוּן אַייךְ בְּרִיעפֶע צוּא עֶרְהַאלְטֶען?

אִיךְ וֵייס דָאךְ נִיט וואוּהִין אַייךְ צוּא שְׁרַייבִּין.

שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶער אַדְרֶעסֶע פוּן דֶעם הֶערְרן קשינפעלד וֶועט

1) האלב מענטש

מִיר

מיר שוין איינערע בריף אבשיקין אהין וואו איך וועל זיין, דען איך וועל איהם פון יעדען ארט מיין אדרעסע שרייבין.

זעהר גוט! — האב איך געענטפערט — איך וועל אייך שרייבען.

פלעפען האט מיר נאך אמאל געוואונטשען אגליקליכע רייזע אונ איז ארויס געגאנגען.

וואו האט איהר דערטאפט אזא טייפיל? — האט דער דאקטאר ברונד מיך לאכענד געפרעגט.

איך האב דאס גליק געהאט זיא צוא באגעגנען ביא אייך אין טרילטא.

ווען איז מיר, איך וואלט מיך געשראקען מיט אזא שד אין איין שטוב צוא זיין, ווער איז זיא.

זיא איז איינע העברעאישע פערפאסערין, זיא הייסט פריילין פלעפען.

פריילין? — האט דער דאקטאר געפרעגט אונ האט זיך פאנ-איינאנדער געלאכט — זיא איז אפריילין? זיא האט קיין מאן?

יא זיא הייסט נאך פריילין, דען וויא עס שיינט האבין דיא מענער קיין חשק אזא מהייערן שאטץ צוא בעזיטצען.

זייא האבין קיין חשק, אונ דאך האט זיך געפונען איינער וואס האט זיא שוואנגער געמאכט האט דער דאקטאר געלאכט.

איך האב איהם פערוואונדערט אנגעקוקט, אונ האב געזאגט: איך פערשטייא גאר ניט וואס איהר רעדט העררר ברונד.

וואס פערשטייט איהר דא ניט? איהר האט דען ניט בעמערקט אז זיא איז שוואנגער.

דאס פריילין פלעפען איז שוואנגער? — האב איך אויסער זיך פאר ערשטוינען געפרעגט.

יא יא זיא איז שוואנגער, אז איך זאג אייך מאגט איהר מיר גלויבען, איהר קאנט שוין זאגאר אויב איהר ווענט איהר אגוטער פריינד בעשטעלען פאר איהר אגוטע אקושערין.

מיר גלויבט זיך דאס ניט — האב איך געענטפערט — איך רעכין אז איהר האט דאס מאהל איין אירטהום העררר ברונד.

אנ'אירטהום, זאל זיין אנ'אירטהום — האט ברונד לאכענד

געענטפערט, עס שטייט דא פאר אונז ביידין ניט אזא גרויס גליק אין דעם מיר זאלין וועגין דעם דיספוטירין אין דיא לעצטע מינוטען פון אייער אבררייזין, זאגט מיר בעסער וואוהין פארט איהר יעצט?

איך פאר נאך פריסען, אונ איך באדארף זיין אין טישפיט.

אויב איהר וועט זיין אין טישפיט, אונ איהר וועט דארט פילייכט זעהן אגעוויסין הערין אראן שיצפיץ, זאלט איהר איהם אין מיין נאמען הערצליך גריסען.

אהרן שיצפיץ? — האב איך געענטפערט — איך קאן איהם זייער גוט, איך פלעג מיך מיט איהם זעהער אפט זעהן אין טאסקלוא, נאר איך פערשטייא ניט וויא קומט ער אין טישפיט, זיין פאמיליע וואוינט דוכט זיך אין קעניגסבערג.

יא ריכטיג זיין פאמיליע וואוינט אין קעניגסבערג, נור ער האט אין טישפיט אויך פאמיליע דען זיינע ערשטע פרויא וועלכע וואר מיינע איינע נאהע פערוואנדטע וואר אוים טישפיט, נאך לעבין דארט איהרע עלטערין, אויך זיין עלטסטע טאכטער וועלכע ער האט פונם ערשטין ווייב זיצט אין טישפיט בייא איהרע גראססעלטערין, דען זיא האט זיך בייא זייא אין הויז ערצאגען, עס שאדט ניט איהר זאלט באקאנט ווערין מיט דער פאמיליע, דאס איז איינע אריסטא־קראטישע פיינע פאמיליע, אונ דאס פריילין שיצפיץ איז אנאנטיק, איהר וועט פערגעניגען האבין פון איהר קאנטשאפט, גיט איר איבער אגערים פון מיר, אונ זאגט איהר אז איך בין אויף איהר שטארק אין כעס דערפאר וואס זיא האט מיר שוין ביינאהע אהאלבעס יאהר קיין בריעף געשריבין.

זעהער גוט, איך וועל אלעס טאן, אויב איך וועל טרעפען דעם הערין שיצפיץ אין טישפיט, וועל איך איהם געוויס אין אייער נאמען אהערצליכין גערוס אבגעבען.

איך האב מיך מיט דעם דאקטאר ברידערליך געשיידעט, אונ בין באלד אוועק געפאהרען.

דעם דאקטארס ווערטער אז דאס פריילין פלעפען איז שוואנגער זיינען מיר אהיבשע צייט פונם זינען ניט ארויס געגאנגען, מיר האט זיך דאס בשום אופן ניט געוואלט גלויבין, אז זיא איז אקאקעטע דאס האב איך גיזעהן, אונ אז זיא איז ניט פאר קיין יודין געבאכט

אגרויסער נאר דאס האב איך זיך אויך איבערצייגט, אבער עס זאל האלטען דאביי זיא זאל ביי אזא שטופע האלטען דאס וואלט איך נימאלס געגלויבט.

אשמייכיל איז מיר איבערגיינאנגען איבער דיא ליפען אלס איך האב געקלערט פיליכט איז דאס ווירקליך וואהר, איך האב געלאכט וויל איך האב מיך דערמאהנט אז נאך דיא אלע זאכען האט זיא זיך געשדכינט צוא מיר, זיא האט געוואלט זיין דיא קלוגע און מיר פאר דרייען דעם קאפף, יא יא — האב איך צוא זיך אליין געזאגט — דוא האסט טאקי געטראפין דעם פלאטץ וועמען אנצוטאהן אספאדיק.

איך האב נאך דאמאלס ניט געוואוסט פון דעם סוד אז מיא קאן אנטאהן איינעם אספאדיק מיט גוואלט, אז עס זיינען דא אזעלכע פערדארבענע מענטשין וואס חאפין זיך אן איין האר און פלעכטין דאפאן אויס אשווערע אייזערנע קייט, איך האב ניט געוואוסט אז עס גיבען אזעלכע טיראנען אויף דער וועלט וואס אום זיך צוא פער־בעסערין איז ביי זייא רעכט פילע אונשולדיגע נפשות אין גרעסטען אונגליק צוא ווערפען.

היינט בין איך שוין אפראקטישער מענטש, איך וויס שוין אלעם, אבער וואס העלפט דאס...

# ה

## איך ווער צוא מזיל אחתן.

איך האב אייך שוין ערצייהלט אין דעם ערשטין קאפיטעל, אז איך בין אקליין מענטשעלע איך באדארף גענוג ארבייטען מיט דער גאל ביז איך פערדין עטליכע רוביל, דען איך מוז אויף זיך אליין דעם אמת זאגין איך בין פון שטענדיג אן אגרויסער שלימזיל, דאס הייסט איך האב קיין גליק ניט. און פאר וואס מיינט איהר האב איך קיין גליק ניט אפשר דער פאר וואס איך טויג צום געשעפט ניט? ניין אין גענצעדהייל, איך האב געפרופט זיין אסוחר און האב פארדינט פיעל מאהל אסך געלד, וויל איך בין אין געשעפט ענערגיש און שטארק ביהעבינט, מיין איינציגער פעהלער בעשטייט נור אין דעם

וואס איך גלויב אלעמען, אלע זיינען ביי מיר פערעכינט פאר ארדענטליכע לייט, אונ דער פעהלער האט מיך געליינט אין דרערד, דען איך פלעג מיין געלד פערלייהען יעדען ווער עס האט נור געוואלט ביי מיר לייהען, אונ דיא ארדענטליכע לייט האבין אזוא רחמנות געהאט אויף מיין געלד אז זייא האבין זיך פון זייא גאר ניט געוואלט שיידין... אונ אויף אזא ארט איז זיך מיין קאפיטאל צופליינין אין פרעמדע קעשענעס אונ מיין קעשענע איז געבליבין ניט פאר קיין קעשענע געדאכט פוסט וויא אטעגליכע בלאט ציימונג, אין יענער צייט האב איך נאך געהאט טויזענד רובעל במזומן ביי מיר אין טאש, דאס ביסעל געלד האב איך שוין פאר קיין פאל געוואלט ארויס געבין פון דיא הענד, איך האב געזוכט איין ראיעל געשעפט, אונ האב צוליב דעם געמוזט זיין אין פרייסין, אויך אין פערשיעדענע שטעדט אין רוססלאנד.

אין מאנהייט אקטיאב 18.. בין איך אנגעקומען אין דער שטאט טישפיט, איך האב ביי זיך געהאט אביסיל סחורה וועלכע איך האב געוואלט פערקויפען אין דער שטאט, איך האב מיך גאר פערגעסין דעם דאקטאר ברונדוס ווערטער וועגען דעם הערין אראן שיצפיץ, איך בין אריין געפארין אין אגאסטהויז, אונ באלד וויא איך בין אראפגעגאנגען פון דער דראשקע האב איך מיך איינגעוואשין האב זיך איבערגעקליידט, אונ בין געגאנגען אויף דער פאטשט איינינע נייטיגע בריעף אבצושיקען.

געהענדיג אין גאס פערטראכט האב איך ערהערט פלוצים אשטימע „דוכט זיך הערר פיקטעל?" איך האב מיך אומגעקוקט אונ בין איבערראשט געווארין אלס איך האב פאר זיך דער זעהן דעם הערין אראן שיצפיץ.

מיר זיינען איינער דעם צווייטין אויף דיא העלזער געפאלען, האבין זיך פריינדליך געקושט.

וויא קומט איהר אהער ליבער פיקטעל? — האט מיך שיצפיץ געפרעגט.

איך האב איהם ערציילט וועגין וואס איך בין אהער געקומען.

אך איך בין זעהער צופרידין וואס איך האב מיך דא מיט אייך באגעגינט — האט ער העכסט ערפרייעט געזאגט — איך בין אויך

ערשט מיט איינינע טעג צוריק אהער געקומען געוואהר ווערין צוא מיין טאכטער , קומט ליבער פריינד, איך וועל אייך בעקאנט מאכין מיט מיין שוועער אונ מיט זיין פאמיליע ?

איך מוז אבער גיין אויף דער פאטשט .

איך וועל אויך מיט אייך אונטערגיין צוא דער פאטשט , אונ פון דארט וועלין מיר גיין צוא מיין שוועער — האט ער געזאגט ؛

מיר זיינען געגאנגען אויף דער פאטשט , אונ אלס איך האב מיך אבגעפערטיגט , האט ער מיר געפיהרט צוא זיין שוועער אין הויז .

זיין שוועער , שוין אמאן פון איאהר 70 ווער זעהער איין אינ-טיליגענטער מענטש, ער וואר אליין געבארין פון רוססלאנד , גאר שוין לאנגע יאהר האט ער זיך בעזעצט אין פרייסען , דער אלטער מאן איז גיוועזן אגרויסער תלמודיסט אונ דערצו אוואהרער פהילאזאף, ער האט שוין פון מיר גיהערט מיין נאמען איז איהם גיוועזן זייער גוט בעקאנט , דארום האט ער זיך מיט מיר שטארק געפרייט , אונ האט מיך פאסט פאטערליכע צארטליכקייט עמפפאנגען , שיצפיץ האט מיר אויך פאר דיא איבעריגע גליעדער פון דער געעהרטער פאמיליע פארגעשטעלט , אונ צווישען זייא איז אויך גיוועזן זיינע טאכטער איין מעדכען פון אונגעפעהר 18 יאהר , איינע רייצענדע בילדשיינע פריילין .

מיא האט מיך באלד געלאדען צום טיש, אונ מיר האבין זיך זעהער פערגעניגט אונטער האלטען , איך געדיינק גאר דיא צייט ניט וואס איך האב אזוא פיל פערגעניגען גענאסען וויא דאס מאהל , איך האב אבגעגעבין שיצפיצן מיט זיין טאכטער אגערוס פון דעם דוקטור ברונד אונ זייא ווארען מיט דעם גערוס זייער צופרידין , וויל דער דאקטאר איז בייא זייא אין הויז ערצויגען געווארען אונ זייא האבין איהם אלע געליבט וויא אברודער .

איך בין ענטציקט גיוועזן פון דער ארדענטליכע פאמיליע , בעזאנדערס האט אויף מיר געמאכט אשטארקין איינדרוק דאס פריילין אנא שיצפיץ, איך האב פאר זיך גיזעהן אריינעס אונשולדיגעס וועזען וועלכעס מיא האט מיט רעכט געקאנט נענען אנ'ענגעל גאטטעס , איך וועל ניט זאגין אז זיא איז גיוועזן גאטליך שיין אבער מיט אידר

ליבעס רייצענדעס געזיכט האט זיא גיקאנט ווערטאייפערן געגען דיא שאנסטע אין דער וועלט, זיא האט גירעדט זייער וועניג, נור יעדעס ווארט איז גיוועזען בורליאנט.

איך בין אבגעזעסען צווייא וואכין אין טישפיט, אין יעדען טאג האב איך געמוזט זיין בייא רבי זיססעלע שפיטץ, איך פלעג דארט טעג אונ נעכט פערברייגען, אונ עס איז געקומען דאצו אז איך בין אזוא צוגעבונדין געווארין צוא דער פאמיליע זא דאס מיר האט זיך גאר ניט געוואלט פון זייא שיידין, אויך זייא האבין מיך אלע שטארק ליב בעקומען אונ פלעגין מיך מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערווארטען, אונ קוים בין איך צוא זייא געקומען האבין זייא שוין מיך ניט אבגעלאזט.

איך ווייס אז דיא לעזער ערווארטען דא געוויס פון אפייערינע ליבע צוא הערען, וויל זייא האבין דאך גיהערט אז דאס פריילין אנא שיצפיץ האט אויף מיר אשטארקין איינדרוק געמאכט, איז בייא זייא קיין צווייפיל דא אז דא האט זיך פערוויקעלט אשטארקע ליעבע אונ דערבייא אנאינטריגע וויא אראמאן פאדערט, דארום מוז איך זייא זאגין אז צוא מיינע גרויסע שמערצען קאן איך זייא מיט אזא פייערינע ליבע ניט ערקוויקען, איך בין מיך מודה אז דאס שאנע פריילין איז מיר שטארק גיפעלין, אבער איך האב גאר ניט געוואגט צוא דענקען וועגין אליבע, דען איך האב ניט פערגעסין אז זיא מאג זיין מיינע אטאכטער, איך וואר שוין דאן אמאן פון 35 יאהר, אונ זיא איז ערשט 18 יאהר אלט גיוועזען, אמת איך האב פערגעניגען געהאט מיט איהר צוא פערברייגען, אבער דאבייא האב איך גיפילט נור דאס פערגעניגען וואס אמענטש פיהלט אלס ער פערברייגט מיט אוואהרען גוטען פריינד, ריכטיגער געזאגט, איך האב ליב געהאט אויף איהר צוא קוקען וויא אויף אשיין רייצענד בילד, אונ מיר איז נאך ניט איין מאמענט דער געדאנק אין קאפף געקומען איך זאל מיך צוא איר שדכענען, אדער חלילה איהר דיא מינדעסטע אנמער-קונג צוא געבען אז איך האב זיא ליעב, נאר פלוצים האט זיך גימאכט אזא אונערווארטעטע זאך וואס איך אליין בין איבעראשט געווארין הערט אגעשיכטע:

איין מאהל אלס איך בין גיזעסען בייא זיך אין צימר אונ האב

געשריבען, איך האב שוין אין זיבען געהאט פון טישפיט אוועק צוא פאהרין האט זיך דיא מיהר גיעפינט אונ אראן שיצפיין איז אריין געקוממען.

איך האב דאס פאפיר אוועק געליינט אן אזייט, אונ האב זיך בעשעפטיגט מיט מיין גאסט, מיר האבין גירעט פון פערשיידענע זאכין, וויא צוויא גוטע פריינד באדארפין ריידין, אונ דאביא איז צוא רייד געקוממען וועגין חתונה האבין.

זאגט מיר נור הער פיקטעל — האט ער צוא מיר פלוצים גיזאגט — איהר קלערט שוין גאר ניט הייראטהען מעהר.

איך בין געזאנגען מיינע לעצטע ביסעל יאהר אליין דורכלעבען — האב איך גיענטפערט.

אייערע לעצטע ביסעל יאהר? — האט אראן געלאכט — איהר רעדט פונקט וויא איהר זאלט שוין זיין איין אלטער מאן פון הונדערט יאהר, פערגעסט ניט אז איהר זייט נאך גאר איונגער מאן, ביא דיא קריסטען קלערט אמענטש אין אייערע יאהר ערשט וועגען אכלה:

דאס איז דער פאר וויל דער קריסט האט נאך קיין פרוי גיהאט ביז 35 יאהר, ער איז אבחור, ער האט קיין קינדער, אונ איז דאצו פערזארגט מיט אגעשעפט אדער מיט אנ'ארבייט, ביא אונז יודען אבער איז אמאן פון 35 יאהר שוין אנ'אויסגעהארעוועטער פאמיליען-פאטער, אט צום בייאשפיעל איך, איך האב שוין אפרויא געהאט אונ זיא האט מיר איבערגעלאזט צוויא קינדער, דערצו האב איך קיין פראפעסיאן אין דער האנד, אונ אז איך וועל נעמען אווייב מאך איך זיא אונ זיך אליין אונגליקליך, דען וואס בעטרעפט מיין ביסעל געלד, איך קאן דאס בעהיטע גאט אן איין מסחור פערליערען דאן בלייבט מיר מיט מיין וייב איבעריג נור אנצוטאהן טארבעס אונ גיין אין דיא הייזער.

איהר רעדט אונפראקטיש — האט שיצפיין גיענטפערט — אלע היינטיגע אויפגעקלערטע טענהן דיא זעלבע ווערטער, אונ זייא בעמערקען גאר ניט וויא אונזערע יודעליך זאלין געזונד זיין לעבין זיך גרעסטענטהייל אוים זייערע יאהר גאנץ פיין אהן איין ארבייט אונ אהן אפראפעסיאן, דער יוד האט אימער אפראפעסיאן אין דער

האנד ,זיין שכל און זיין אונטערנעהמונגסקראפט' מיט דעם פערדינט ער איטער געלט און לעבט גאנץ גליקליך , בעזאנדערס אזא מאן וויא איהר זייט , איהר האט אביסעל געלד , און דאצו זייט איהר געבילדעט אויך מאנט איהר לכל הדעות הייראטען מיט אצווייטע פרויא , און איך בין פערזיכערט אז זיא וועט פאר אייך גליקליך זיין .

איך האב געשוויגען .

אויב איהר ווילט הערר פיקטעל וועל איך בייא אייך זיין אשדכן — האט צוא מיר אראן פלוצים לאכענד געזאגט — איך וועל אייך ריידין אשידוך טאקי פון דער שטאדט .

איהר זייט פאר מיר אצו טהייערער שדכן .

איך וועל אבער בייא אייך קיין שדכנות נעמען , ווייל דיא כלה איז מיינע אנאהנטע פערוואנדעטע , און איך וויל איינפאך איר זאלט אויך זיין מיינער אפערוואנדעטער (קרוב) .

מיר וואלט זעהער אנגענעהם גיוועון זיך צוא צאהלען צווישען דיא גלידער פון אייער פאמיליע — האב איך גיענטפערט ערנסט — נאר איך וויים ניט ....

וואס ווייסט איהר ניט ? — האט שיצפיץ געזאגט — איהר ווייסט פילייכט ניט צוא עס וועט זיך געפינען אמעדכען וואס זאל וועלין הייראטען מיט אזא אלטין מאן וויא איהר זייט , נוא קאן איך אייך בערוהיגען און אייך זאגין אז דיא כלה וואס איך וויל אייך ריידין איז צופרידין אייך האבין פאר אמאן , זיא קאן אייך זעהער גוט און איר קאנט זיא אויך .

איך קאן זיא אויך ? — האב איך פערוואונדערט געפרעגט — ווער איז זיא .

זיא איז... זיא איז מיין טאכטער אננא — האט ער גיענטפערט שמייכלענד — נוא גיפעלט אייך דער שידוך ?

איך האב איהם ערשטוינט אנגעקוקט וויא איך וואלט מיך וועלין איבערצייגין צוא ער מיינט דאס ערנסט .

נוא פאר וואס ענטפערט איהר מיר ניט ? אייך גיפעלט אפשר דיא כלה ניט ? אויב אזוא האב איך צוא אייך ניט , וועלין מיר בלייבין פון ווייטין גוטע פריינד וויא מיר זיינען גיוועזן ביז אהער .

אויב איהר מיינט דאס ערנסט , און אויב אייער טאכטער

(האלב מענטש) ווילנט

װילִינְט װירְקְלִיךְ אַײן צוּא דֶעם שִׁידוּךְ בִּין אִיךְ מַסְכִּים — הָאבּ אִיךְ גִּיעֶנְטְפֶערְט.

אִיךְ מֵײן דָאס עֶרְנְסְט, אוּנ מַײן טָאכְטֶער מֵײנְט דָאס אוֹיךְ עֶרְנְסְט, אִיךְ הָאבּ עֶרְשְׁט הַײנְט מִיט אִיהר גִּירֶעט װעֶגִין דֶעם — הָאט שִׁיצְפִּין פְּרֵײלִיךְ אוּנ מוּנְטֶער גִּיעֶנְטְפֶערְט.

אִיךְ בִּין מַסְכִּים — הָאבּ אִיךְ גִּיעֶנְטְפֶערְט אִיהם דִיא הַאנְד רֵײכֶענְד — אוּנ אִיךְ װעֶל מִיךְ גְלִיקְלִיךְ שֶׁעצֶען זַײן אַײעֶר טָאכְטֶערְס מַאן אוּנ אַײעֶר אֵײדִים.

ו

# אִיךְ בִּין אִין זִיבֶּעטֶען הִימְמֶעל.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארִין אַחָתָן פַאר דֶער שֵׁײנֶער אנאן.

וָואס פַאר אַזֶעלְטֶענֶע הֶעלְדִין דִיא לִיעבֶּע אִיז! זִיא אִיז װירְקְלִיךְ אִין שְׁטַאנְד פוּן אַלְט יוּנְג צוּא מַאכִין, אוּנ פוּן אַגֵיהִנם אַגַן עֵדֶן אוֹיס צוּא בִּילְדֶען, דֶער זֶעלְבֶּער אִיךְ בִּין בַּאלְד נָאךְ דִיא תְּנָאִים בַּײא זִיךְ אִין דִיא אוֹיגֶען יוּנְגֶער גֶעוָוארִין מִיט צְוַאנְצִיג יָאהר, דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועלְכֶע הָאט מִיר שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבִּין נִמְאָס צוּא וֶוערִין אוּנ צוּא לַאסְט צוּא פַאלִין הָאט פְּלוּצִים גָאר אוֹיף דָאס נַײעֶ אִין מַײנֶע אוֹיגֶען אַפְרִישֶׁען חֵן גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבִּין צוּא הָאפִין אוֹיף אַגְלִיקְלִיכֶען צוּקוּנְפְט חָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ מִיךְ פְרִיהֶער שְׁטַארְק גֶעשְׁרָאקִין פַאר דֶעם צוּקוּנְפְט, קוּרְץ גִירֶעדְט אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֶעלְבְּסְט נִיט עֶרְקָאנְט.

אראן הָאט מִיר קַײן לִיגֶען גֶעזָאגְט, זַײן אנאא הָאט װירְקְלִיךְ אַײנְגֶעװִילִיגְט מִיט מִיר צוּא הֵײרַאטֶען, זִיא הָאט מִיר זָאגַאר פֶערְטְרוֹיעט אַז זִיא לִיעבְּט מִיךְ, נוּא אִיז שׁוֹין גִיוֶוען אוּנְטֶער דֶעם הִימֶעל אַגְלִיקְלִיכֶערֶער מֶענְטְשׁ פוּן מִיר?

מִיר הָאבִּין דִיא חֲתוּנָה אָבְּגֶעלֵײגְט אוֹיף פִינְף מָאנְהַײט, אִיךְ הָאבּ נָאךְ בַּאדַארְפְט אַרַײן פָארִין קַײן בערלין, אוּנ בַּײא אוּנְז אִיז גֶעבְּלִיבִּין אַז דִיא צַײט וָואס אִיךְ וֶועל זַײן אִין בערלין זָאל מַאן דָא דֶערְוַײל נֵײעֶן דֶער כַּלָּה אִיהְרֶע חֲתוּנָה קְלֵײדֶר, אוּנ אַלֶעס אַײנְאָרְדְנֶען װיא עֶס בַּאדַארְף צוּא זַײן, מִיר הָאבִּין שׁוֹין גֶעלָאזְט אָבְּדְרוּקֶען חֲתוּנָה

בִּילֶעטֶען, אִיךְ הָאבּ זַייא צוּשִׁיקְט צוּא מַיינֶע פִיעלֶע גוּטֶע פְרַיינְד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִין רוּסְלַאנְד וִויא אוֹיךְ אִין דַייטְשְׁלַאנְד. אוֹיךְ דֶער מְחוּתָּן הָאט צוּשִׁיקְט בִּילֶעטִין צוּא זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד אוּם זַייא אַיינְצוּ-לַאדֶען אוֹיף דֶער הָאכְצַייט.

אַיידֶער אִיךְ בִּין אַוֶועק גֶעפָארִין נָאךְ בערלין הָאבּ אִיךְ מִיט מַיין מְחוּתָּן אראן שִׁיצפִּיץ גֶעמַאכְט אַשׁוּתְּפוּת אִין אַגִישֶׁעפְט, מִיר הָאבִּין אִין דֶעם גֶעשֶׁעפְט בֵּיידֶע בַּאדַארְפְט אַרַיין לֵייגִין צוּא טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל, אִיךְ הָאבּ אִיהם דֶערְוַויל גֶעגֶעבֶּען 500 רוּבֶּעל, אוּנ דִיא אִיבֶּערִיגֶע הָאבּ אִיךְ זִיךְ פֶערְפְלִיכְטֶעט צוּא גֶעבִּין נָאךְ דֶער חֲתוּנָה.

אִיךְ בִּין נָאךְ אַכְט טָאג גֶעזֶעסִין אִין טִישְׁפִּיט נֶעבִּין מַיין כַּלָּה, נַאכְהֶער הָאבִּין מִיר זִיךְ זֶעהֶער פְרַיינְדְלִיךְ אוּנ מִיט דֶער פַייֶערִינְסְטֶער לִיעבֶּע גֶעשֵׁיידֶעט, מִיר הָאבִּין זִיךְ פֶערְשְׁפְּרָאבִין שְׁרַייבִּין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטִין בְּרִיף אַלֶע טָאג, אוּנ אִיךְ בִּין גֶעפָארִין נָאךְ בערלין.

אוֹיךְ מַיין מְחוּתָּן אראן שִׁיצפִּיץ אִיז אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען צוּא זַיין פַאמִילְיֶע אִין קעניגסבערג אוּם זַייא אַלֶע צוּגְרֵייטֶען צוּא דֶער חֲתוּנָה.

פָאהְרֶענְדִיג נָאךְ בערלין הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעטְרָאפִין אִין וַואגָאן מִיט אַיין הֶערְן אוֹיס טִישְׁפִּיט, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ פַאר מִיר פָאר-גֶעשְׁטֶעלְט מִיט דֶעם נָאמֶען לעאן שטיינגאלד, עֶר הָאט מִיךְ גִיזֶעהן אִין טִישְׁפִּיט אוּנ הָאט גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ הֵיירַאטְה שִׁיצְפִּיצֶם טָאכְטֶער, פוּן זַיינֶע רֵייד הָאבּ אִיךְ בֶּעמֶערְקְט אַז עֶר אִיז מַיין מְחוּתָּנְס אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער פַיינְד, דֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט וֶועגֶען אִיהם גִירֶעדְט וַואר נוּר מִיט פֶערְאַכְטוּנְג אוּנ מִיט שְׁפָּאט, עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר זִיךְ נִיט גִיקָאנְט אַיינְהַאלְטִין, אוּנ הָאט גִיזָאגְט: מִיר אִיז אַווּנְדֶער הֶערר פִיקְטֶעל אִיהר זָאלְט זִיךְ פֶערְבִּינְדֶען מִיט דֶעם נִיעֶדֶערְטְרֶעכְטִיגֶען מֶענְטְשֶׁען.

עֶרְשְׁטִינְס — הָאבּ אִיךְ גִיעֶנְטְפֶערְט — הָאבּ אִיךְ זִיךְ פֶערְבּוּנְדֶען מִיט זַיין טָאכְטֶער אוּנ נִיט מִיט אִיהם, צְוֵוייטִינְס פֶערְשְׁטֵייא אִיךְ נִיט וִויא וַואגְט אִיהר זִיךְ צוּא בֶּעלֵיידִיגִין פַאר מִיר דֶעם מֶענְטְשִׁין וֶועהְרֶענְד אִיהר וֵוייסְט אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין זַיינֶער אַזָאהְן.

אַז אִיהר זַייט זַיינֶער אַזָאהְן הָאט אִיהר דָאס רֶעכְט נִיט צוּא רֵיידִין אוֹיף אִיהם שְׁלֶעכְטֶס אָבֶּער אִיךְ מָאג דָאךְ זָאגִין פְרַייא אַז עֶר

איז אניעדערטרעכטיגער מענטש, איך זאג דאס טאקי און וועל דאס אימער זאגין.

פאר וואס זייט איהר איהם אזא שונא?

דער פאר וואס ער האט מיך אונגליקליך געמאכט — האט שטיינגאלד צארניג געזאגט — ער האט מיך אקאפיטאל פון צעהן טויזענד טאהלער איבערגעפירט, און דאס וועל איך איהם ניט פער־געסען, איז מיין נאמען ניט שטיינגאלד אויב איך וועל מיך אן איהם ניט נוקם זיין וויא דיא יודען האבין זיך אמאהל נוקם געווען אן המנען.

אז איהר רעט אזעלכע ווערטער מיר אין דיא אויגען וויל איך אייך ניט קענען און וויל שוין מער מיט אייך ניט ריידין — האב איך געענטפערט און האב מיך פון איהם אבגעווענדעט.

איהר מאגט יא מיט מיר ריידין צוא ניט ריידין דאס איז מיר אלס איינס, דען קוים וועט איהר זיין אהרנס איידים קאן איך אייער גוטער פריינד ניט זיין, און קוים וועל איך אייך קאנען אמאל געבין אשנעל אין דער נאז וועל איך אייך געוויס געבין.

איך האב ניזעהן אז איך האב דא צוא טאן מיט אחאראקטער־לאזין מענטשין, האב איך שוין מעהר מיט איהם טאקי ניט געוואלט ריידין, און בין איבערגעגאנגען אין אנאנדער וואגאן.

איך בין אנגעקומען אין בערלין, און האב באלד צוא מיין כלה אבריף געשריבין אז איך בין בשלום דיא וועג דורכגעפארין.

אויף דעם דריטין טאג האב איך פון איהר ערהאלטען אליעבע־פאלען בריף, און אזוא האט זיך צווישין אונז פערוויקעלט אטעגליכע קארעספאנדענציע וויא עס פאסט פאר היינטמאדישע חתן און כלה, איך האב אויך צוא מיין מחותן אין קעניגסבערג געשריבין, און האב פון איהם וויא אויך פון זיין פרוי און קינדער אבריף ערהאלטען פאלל מיט דער איניגסטער צארטליכקייט.

איין מאהל האב איך ערהאלטען אבריעף פון מיין מחותן, און וויא ערשטוינט בין איך געווארין אלס איך האב דארט געפונען נאך אבריף איהר ווייסט פון וועמען? פון אונזער בעקאנטע פריילין פלעפען, זיא האט מיר געשריבען אויף העברעאיש דיא ווערטער:

בעסטער (האלב מענטש)

בעסטער פריינד פיקטעל !

„איך בין זייט אכט טאג אין קעניגסבערג, צופעליגער ווייזע האב איך מיך געטראפין מיט דעם הערין אראן שיצפיץ אונ האב פון איהם ערפאהרען אז ער איז אייער אמחותן, דארום בנוצין איך דיא געלעגענהייט אונ שרייב אייך אמאזל טוב אין מיין נאמען, איך ווינטש אייך גליק בעסטער פריינד, איך האף אז מיר וועלען זיך אין גיכען זעהן...

„איך בין העכסט צופרידין וואס איך האב דא געטראפין דעם הערין שיצפיץ, דען ער איז זעהער אנוטער מענטש אונ ער טוט מיר זעהער פיל טובות.

„איך האף אז איהר וועט מיר אויף דעם בריעף ניט שולדיג בלייבען אנטווארט, אונ דאמיט ענדיגע איך מיין שרייבען, איך פערבלייב אייער עוויגע פריינדין — רחל פלעפען.

אויס העפליכקייט האב איך איהר געענטפערט אויך אין אבריף וואס איך האב געשריבין צום מחותן, איך האב איהר געדאנקט פאר איהר ברכה, אונ האב איהר אויך געווונטשען אז אין גיכען זאל איך איהר באדארפין אפגעבין אמזל טוב.

דיא 5 מאנהייט זיינען גיך אריבער געלאפין, איך האב ערהאלטין פון מיין מחותן אבריף שוין אויס טישפיט, אז אלעס איז שוין פערטיג צוא דער חתונה נאר איך אליין פעהל, איך האב מיך לאנג ניט געלאזט בעטין אונ בין געפארין נאך טישפיט.

איך באדארף אייך ניט ערצעהלען מיינע לעזער אין וואס פאר אהומאר איך בין גיוועזן פאהרענדיג צוא מיין כלה, איך בין ביי זיך אליין אין דיא אויגען גיוועזן וויא אפרינץ וואס פאהרט בעשטייגען אקעניגליכען טראהן, איך האב פאר זיך גיזעהן דעם גן עדן אין פאללען פראכט.

אונ עס איז ווירקליך קיין קליינינקייט פאר אזא מענטשין וויא איך (וועלכער האט זיך איינינע יאהר ארום געטריבין עלענד אונ האפנונגסלאז אין דער ברייטער וועלט) אזא גינסטיגע פערענדערונג, איך האב מיך פלוצים געפיהלט אלס מיטגליד פון איינער בראפער ארדענטליכער פאמיליע וועלכע האט מיך מיט פערגעניגען אריינגענומען אין איהר מיטטע, איך האב מיך פלוצים געפיהלט צוא געבונדען צוא

(האלב מענטש) אנ׳עדלער

אנ׳עדלער גוטער זעלע װעלכע ליבט מיך מיט דעם גאנצין פייער פון דער ערשטער ריינע ליבע, און איך גלויבע אז יעדער מענטש אויף מיין פלאטץ װאלט גיװען װיא בערוישט פון גליק.

איך בין נ׳ט אין שטאנד פארצושטעלען מיט װאס פאר אפרייד׳ע מיינע מחותנים װיא אויך מיינע ליבע ברויט האבין מיך באגעגנט, און מיין פעדער איז צוא ארם פארצושטעלען דיא גליקליכע געפילע װעלכע האבין דאן מיין ברוסט אנגעפילט, און דאס לאז איך אלץ איבער פאר דיא געפיהלפאלע לעזער זייא זאלין זיך זעלבסט פון דעם אבעגריעף מאכין.

אלעס איז שוין גיװען צוא דער האכצייט גרייט, און עס האט מעהר ניט געפעהלט װיא איך זאל מיט מיין כלה צוא דער חופה גיין, אבער דא האט זיך גאר אונערװארטעט געמאכט אנ־עגמת נפש, דען איך האב ניט געװאוסט פון דער זיטטע װאס עס עקסעסטירט אין פרייסען אז יעדער ברויטיגאם מוז דרייא מאנהייט פאר זיין חתונה מעלדען אין דיא צייטונגען אז ער האט אין דעם און דעם טאג חתונה, דארום האב איך דאס נירגענד געמעלדעט, און אז מיין מחותן איז געקומען צום ראבינער געמען בייא איהם אקװיטטעל האט ער ניט געװאלט געבין װייל דאס געזעטץ האט איהם דאס ניט ערלויבט דער פאר װאס איך האב װעגען דעם אין דיא צייטונג ניט געמעלדעט.

מיר האבין זיך אנגעהויבין מישב צוא זיין װאס מיר זאלין טאן, און בייא אונז איז געבליעבען מיר זאלין אלע אריבער פארין דעם גרענעץ אריין פארין אין דער שטאט טהירקאלגען דארט שטעלען דיא חופה, און אזוא האבין מיר טאקי געטאהן.

איך זעה אז איניגע פון מיינע לעזער געגעצען שוין, און זייא קלערין בייא זיך װאס איז דאס פאר אמעשה רחמנא לצלן, דער שרייבער ערציילט דא אמעשה װיא ער איז אחתן געװארין און האט חתונה, אזעלכע מעשיות זעהן מיר דאך יעדען טאג, און מיר פאר־שפארין אוים צוא געבין געלד אויף ביכליך זייא צוא לעזען.

נור גערולד מיינע געעהרטע פריינד און פריינדינען, איך פער־זיכערע אייך אז דער פאר װאס איך האב אייך מיט לאנגװייליגע װערטער אויפגעהאלטען, דער פאר װעט איהר באלד אין מיר זעהן

אזא נקמה וואס מיין גרעסטער פיינד האט דאס מיר ניט געוואונטשין,
נוא זייט איהר שוין צופרידען ? האט נור נאך אביסעלע געדולד,
וועט איהר זעהן אזעלכס וואס אייך האט זיך קיין מאל געחולמט.

## ז.

## דער שטן האט זיך אריינגעמישט.

ביא מיר איז געוועזן מיט שלימזל חתונה.

איך וועל דא ניט מאכין אדרוש וועגען דער חתונה, איך וועל ניט ערצעהלען וויא אזוא זיא איז צוגעגאנגען, גענוג וועט זיין ווען איך וועל זאגין אז ביא מיר איז געוועזן אחתונה וויא אללע יודישע נגידהשע חתונות וועלין שוין דיא לעזער אליין פערשטעהן אז מיא האט געטאנצט, געשפרונגען, געזונגען, געגעססען, געטרונקען, דא האט אפילו קיין בדחן געפעהלט וועלכער האט לוסטיג געמאכט דיא געסטע מיט זיינע לידער און וויטצען, איך וועל אייך ניט ערציילען אז איך בין געוועזן וויא אין זיבענטען הימעל דאס פערשטעהט מאן אלין אליין, ווען עס זאל זיין הונדערט הימלען וואלט איך געזאגט אז איך בין געוועזן אויף דעם הונדערטען הימעל, איך האב זיך אליין ניט געגלויבט אז מיך האט אזא גליק געטראפין, אז דיא שיינע אננא שיצפיין איז מיינע, עוויג מיינע, אז דער טהייערע שאטץ איז אריין געפאלען צוא מיר אין דיא הענד אריין, יא איך האב ניט געגלויבט, און האב אבער פארט געמוזט גלויבען, דען איהרע שיינע אויגען האבען זיך אימער אויף מיר אבגעשטעלט, דאס וואַרען אויגען פול מיט ריינער הימלישער ליבע און ערגעבענהייט.

מיא האט דיא צייט זעהער לוסטיג און פערגעניגט צוגעבראכט, דיא גאנצע נאכט נאך דער חופה האט מען געטאנצט און געהוליעט, ביז אללע זיינען מיעד געווארין און יעדער האט שוין געוואלט אביסעל אברוהען, דארום איז געבליבען מיא זאל שוין פארען צוריק אהיים נאך טישפיט.

פון טהירקאלגען נאך טישפיט פארט מען נור דרייא שטונדען.

דער זייגער איז געוועזן ניין דעם מארגענס, אלס מיר זיינען אין

טישפיט אנגעקומען, דיא מענטשין וואס זיינען דא פערבליבען זיינען אונז ארויס געגאנגען ענטגעגען מיט ברענענדע ליכט אין דיא הענד, און מיט ברייט און זאלץ, מיר האבין זיך אלע געזעצט ארום טיש, און דיא בעדינטע האבין אונז דערלאנגט קאפע מיט פוטערקוכענס.

איך בין געזעסען נעבען מיין שיינער ברויט, און מיר האבען פריינדליך געפלוידערט.

אה! אגאסט אגאסט! — האב איך פלוצים גיהערט מיין מחותנס שטימע, און אלס איך האב זיך אומגעקוקט האב איך דערזעהן צוא מיין גרויסער בעוואונדערונג דאס פריילין פלעפען.

וויא קומט איהר אהער פריילין פלעפען? — האט מיין מחותן פראהליך אויסגעשריען איהר דיא האנד רייכענד.

איך בין אהער געקומען מיט דיא פיס — האט פלעפען לאכענד גיענטפערט — איך בין נאך געסטערן געקומען צוא פאהרען, און אלס איך בין גיוועזן ביי דעם היגען ראבינער האט ער מיר ערצעהלט אז דער הערר פיקטעל איז דא, און הייטע איז ביי איהם חתונה, נוא פערשטייט איהר דאך מסתמא אליין אז איך בין געקומען מזל טוב אבגעבען.

און מיט דיא ווערטער איז זיא צוגעגאנגען צוא מיר האט מיר פריינדליך דיא האנד גערייכט, און האט געזאגט: איך ווינטשע אייך גליק הערר פיקטעל.

דאנקע פריילין פלעפען! — האב איך גיענטפערט איהר האנד דריקענד.

איך האב זיא פארגעשטעלט פאר מיין ברויט אלס איינע פון מיינע בעסטע פריינדינען, מיינע גוטע פרויא אבוואהל וויא איך האב פערשטאנען איז איהר ניט אנגענעהם גיוועזן צוא ערגרייפען דיא שווארצע האנד פון דער אפפע, פון דעסט וועגין האט זיא איהר האנד הערצליך גערדיקט און האט זיא גיבעטין זיצען געבען זיך.

איך האב בעמערקט וויא פלעפען קוקט אויף מיין ברויט מיט זאנדערבארע בליקען, מיר האט געשיינט אז אין דיא בליקען ליעגט אשרעקליכער האס, נאר איך האב דאס זיך אליין ניט געגלויבט, און האב דארום וועגען דעם גאר ניט געקלערט.

ווען טרעפט מען אייך אליין הערר פיקטעל — האט פלעפען צוא מיר געזאגט — איך האב מיט אייך וויכטיגעס צוא שפרעכען .

איך קוואַרטיר דערוויל אין דעם האטעל פעטערסבורג — האב איך גיענטפערט — איהר קאנט מיך דארט טרעפען אום 12 אוהר, דען יעצט וועל איך מיך אביסעל צוליינען אברוהען .

זעהער גוט — האט זיא גיענטפערט אויפשטעהענד פון איהר פלאטץ — איך מוז מיך מיט אייך זעהן, דערוויל אדיע !

זיא האט אלעמען דיא האנד געדריקט אונ איז אוועקגעגאנגען ;

דיא הערבייא זיטצענדע האבען זיך נאך איר ארויסגאנג אביסעל לוסטיג געמאכט וועגען דער רייזענדער פלעפען , איינער האט געזאגט אז זיא מוז זיין אנ'אפפענטאכטער , אצווייטער האט גיענטפערט אז אידר איז אמורא צוא האלטען אין שטוב ווייל דיא קאטץ וואס זוכט מיאוסקייט קאן זיא פערשלעפען , אדריטער האט געזאגט אז זיא קען דינען אלס בעסטע מעדיצין אויף ברעכען .

נור מיין מחותן האט זייא אנגעזידעלט דער פאר וואס זייא מאכין שפאס פון אגעבילדעטע מעדכען דערפאר וואס זיא איז מיאוס .

נאך דער קאפע , האב איך אבשייד גענומען פון מיין כלה אונ פון דיא מחותנים אונ בין אוועק געגאנגען אין מיין האטעל זיך דארט צוליינען שלאפען .

קוים אבער האב איך זיך געליינט אויף מיין בעט אונ האב אנגעהויבען צוא דרימלען האט מאן געגעבין אקלאפף אין דער טיהר , איך בין פאסט צארניג פון מיין גילעגער אויפגעשפרונגען האב אויף זיך געהאפט אראק אונ האב גיעפינט דיא טיהר , אונ וויא ערצירנט בין איך געווארין אלס איך האב דער זעהן דאס פריילין פלעפען , איך האב מיך שוין ניט געקאנט איינהאלטען אונ האב מיט אפערדריסליכער מינע געזאגט : איך האב דאך אייך גיבעטען פריילין פלעפען איהר זאלט צוא מיר אריין קומען אום 12 אוהר ווייל איך בין זעהער מיעד אונ איך וויל מיך אביסעל אויס רוהען .

איך האב אבער זעהער וועגען אוויכטיגער זאך מיט אייך איבער-צוריידין — האט זיא גיענטפערט — אונ איהר מוזט מיר פערצייהען ווען איך בעאונרוהיג אייך דאס מאהל .

נוא זעצט זיך , אונ ערצעהלט מיר אייער וויכטיגע זאך .

גיין דא קאן איך אייך דאס ניט ערצעהלען, איהר ווייסט דאך וואס מיא זאגט אזנים לכותל ווענט האבין אהרען, איהר מוזט מיט מיר ארויס גיין אין דער גאס, אדער אונטער דער שטאט דארט וועל איך אייך אלעס ערצעהלען, איך שטייא יעצט אין אזא אונגליק וואס נור איהר קאנט מיך רעטען.

פיליכט איז מעגליך איהר זאלט דאס אבלייגין אויף פארנאכט;

גיין יעדער מינוט איז צופיל.

אויב אזוא וועל איך אייך צוליעב טאהן, און וועל מיט אייך גיין — האב איך געענטפערט.

איך האב אנגעטאהן מיין מאנטיל, גענומען מיין שטעקען אין האנד און בין מיט איהר ארויס געגאנגען פונם האטעל.

מיר זיינען דורכגעגאנגען שטום איינינע גאסען ביז מיר זיינען געקומען צוא דעם גרויסען טישפיטער בריק, מיר האבין דא פאסט קיינע מענטשען בעגעגינט, דא איז געוועזן שטיל וויא אויף אבית עולם, נאר צייטענווייס האט דאס גערויש פון אדראשקע וועלכע איז איבער דעם בריק דורכגעפארין דיא שטילקייט צערשטערט.

נוא פריילין פלעפען, דא קאנט איהר מיר אלעס ערציילין, קיינער וועט דא אונזער געשפרעך הערין.

העדר פיקטעל! — האט זיא גיענטפערט נאך אקורצעס נאכ־דענקען — איך מוז אייך אטרויעריגע געשיכטע מיטטהיילען, איהר ווייסט דאך אז דער קליינסטער מענטש איז ניט מעהר וויא אזינדיגער מענטש, און געגען דער נאטור קאן זיך קיין העלד שטעלען, איך בין אריין געפאלען אין איין אונגליק, און איך בין יעצט אמוטער פון איין זאהן.

איהר זייט מוטער? — האב איך ערשטוינט געפרעגט, נאר באלד האב איך מיך דערמאהנט וואס דער דאקטאר ברונד האט מיר געזאגט, און דיא קשיה איז פערענטפערט געווארין.

יא העדר פיקטעל איך בין מוטער — האט זיא מיט אזיפץ גיענט־פערט — און אייך איז לייכט זיך פארצושטעלען מיין לאגע, דיא לאגע פון איינער יודישער מעדכען איינע מוטער...

יא דאס איז זעהער אונאנגענעהם, נור וואס פערלאנגט איהר פון מיר?

איהר קאנט מיך דא רעטען ליעבער פיקטעל, נור איהר אליין, זאגט וואס זאל איך טאהן.

איהר פערשטייט דאך יא אז איך האב פאר זיך נור איין אומגאנג פון דער טרויעריגע לאגע – האט זיא געזאגט נאך אקורצער פויזע – געמליך, איך זאל געפינען אמענטשין וועלבער זאל מיט מיר מיטלייד האבין אונ זאל מיר געבין אגט אום איך זאל קענען ווייזען דער וועלט אז איך וואר פערהייראטהעט אונ מיין קינד איז אכשר קינד.

דיא עצה איז ניט שלעכט – האב איך געזאגט – אבער וואו וועט איהר נעמען אזא מענטשען.

וועגין דעם וויל איך מיט אייך איבעררעדין, העדר פיקטעל פון דער ערשטער מינוט וואס איך האב אייך דער קאנט האב איך מיך איבערצייגט אז איהר זייט דער בעסטער מענטש אין דער וועלט, אז איהר זייט פערטיג אייער לעבין איינצושטעלען אום אפרעמד לעבען צוא רעטען, דארום איז מיין גאנצע האפנונג גיוועז נור אויף אייך...

וואס פערלאנגט איהר איך זאל געפינען אזא מענטשען וועלבער זאל אייך וועלין געבין גט?

ניין! איהר פערשטייט מיר ניט, איך פערלאנג פון אייך אז דער מענטש זאלט איהר אליין זיין.

איך בין פון מיין ארט אבגעשפרונגען פונקט וויא מיך זאל אניפטיגע שלאנגע בערידהרען, איך האב אויף איהר מיט צירגענדע אויגען געקוקט אונ האב ענדליך געזאגט: איך גלויבע פריילין פלעפען אז איהר זייט ניט ביא אייער קלארען פערשטאנד, אדער איהר שפאסט.

איך בין גראדע יא ביא מיין קלארען פערשטאנד – האט זיא קאלט גיענטפערט – אבאווייז האט איהר אז איך בין געפאלען אויף אגוטען פלאן זיך צוא אייך צוא ווענדען ווייל איך צווייפעל ניט אז איהר וועט מיר אזא קלייניגקייט טאהן.

איך בין אזוא ווירטהענד געווארין אז איך האב פשוט געוואלט זיא מיט מיינע אייגענע הענד דערשטיקען, אדער אריינווארפין אין טייך, נור אזוא וויא איך בין ניט גיוועזן פעהיג צוא דיא ביידע

זאבין האב איך נור צארניג גיענטפערט : איך בעפעהלע אייך אז איהר זאלט זיך ניט וואגען מעהר מיר אזעלכע פלענער צוא מאכין .

מיר איז דאס אויך זעהער אונאנגענעהם — האט זיא מיט איהר קאלטקייט גיענטפערט — אייך אזא זאך אנצומוטהען , אבער ווייסט איהר דען ניט אז בשעת אמענטש טרינקט זיך האפט ער זיך אן אן יעדע זאך וואס קומט איהם אין האנד אריין , איך מוז פון אייך דעם אפפער פארערן און איהר מוזט מיר דאס טאהן .

איך בין אויסער זיך געווארין פון אזא עזות , נור איך האב דיא מינוט פערשטאנען אז איך האב דא צוא טאהן מיט איין אויס-ווארף דער נאטור , וועלכע איז צוא דיא גרעסטע סקאנדאלין פעהיג , דארום האב איך מיך בעשלאססען מיט איהר צוא ריידין מיט גוטען .

הערט נאר אויס פריילין פלעפען — האב איך צוא איר גיזאגט — בירעכינט אליין וואס איהר פארערט פון מיר , וועט איר זיך זעלבסט איבערצייגען אז איהר פערלאנגט אונמעגליכעס , איהר ווייסט דאך אז איך האב ערשט געסטערין געהייראטהעט , ווען איך זאל אייך אפילו וועלין טאהן אייער פערלאנג טאהר איך דאס אויך ניט צוליב מיין פרויא , דען וואס פאר אפנים קאן איך האבין בייא דער וועלט אלס מיא וועט הערין אז איך האב נאך מיין חתונה געגעט אפרויא , איך וועל זיין צוא שפאט , און מייגע פרויא וועט זיין צוא שאנד .

איהר קאנט מיר געבין אגט מיט אפריערעגען דאטום .

דאס איז אויך אונמעגליך , דען קיין רב וועט אזא גט וועלין שרייבען , נור איך פרעג אייך וויא אגוטער פריינד , וויא פאלט איהר אויס אזא זאך פון מיר צוא פערלאנגען , וואס האט איהר צוא מיר , וואס פאר שלעכטס האב איך אייך געטאהן , איהר ווילט הרגען אייער עהרע קאנט איהר אירגענד וואו בעקומען אמענטשען וועלכער וועט אייך פאר עטליכע רובעל געבין אגט , צוא ווענינ מאנספערזאנען זיינען דא אין דער וועלט , און ווארום ווענדעט איהר זיך ניט צוא דעם קינדס פאטער ?

דעם קינדס פאטער קאן קיין גט געבין...

איך האב איהר געזאגט קוים האט איהר אין זיך חאטש עטוואס געוויססען באדארפט איהר מיר אזא שרעקליכע זאך ניט

אָנְמוּטְהָען, איהר װֶעט מִיךְ נוּר בֶּעלֵיידִיגֶען אוּנ זִיךְ װֶעט אִיהר קֵיין טוֹבָה טָאהן דֶען אִיךְ װֶעל אַייךְ פַּאר קֵיין גֶעלְד אִין דֶער װֶעלְט אַזאַ גִיפֶּעלִיגְקֵייט טָאהן .

אִיהר זַייט אֶפְשָׁר גִירֶעכְט הֶערר פִּיקְטעל — הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶעְרְט נָאכְדֶענְקֶענְד .

בִּירֶעכִינְט זִיךְ נוּר װֶעט אִיהר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגֶען אַז פוּן אַייךְ אִיז דָאס זֶעהֶער דוּם גִיװֶעזֶען צוּא מִיר זִיךְ צוּא װֶענְדֶען מִיט אַזאַ בִּיטֶע .

יַא אִיהר זַייט גִירֶעכְט ! — הָאט זִיא עֶנְטְשְׁלָאסֶען גֶעזָאגְט — פֶּערְצֵייהֶעט װָאס אִיךְ הָאבּ אַייךְ פֶּערְשַׁאפְט עַגְמַת נֶפֶשׁ , אִיךְ מוּז אַייךְ דִיא װַאהְרְהֵייט עֶנְטְדֶעקֶען װָארוּם אִיךְ הָאבּ מִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶן אַייךְ אַזֶעלְכֶע שְׁמֶערְצֶען צוּא פֶּערְשַׁאפֶען , אִיךְ בִּין מִיךְ מוֹדֶה פַּאר אַייךְ אַז אִיךְ הָאבּ אַייךְ שְׁטֶערְבְּלִיךְ לִיעבּ , אוּנ אַייעֶרֶע װֶערְטֶער װָאס אִיהר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִין טרילטא אַז אִיהר װֶעט זִיךְ מְיַשֵּׁב זַיין , הָאבִּין מִיר הָאפְנוּנג גִיגֶעבִּין אִיךְ זָאל זַיין אַייעֶר פְרוֹיא , קָאנְט אִיהר אַייךְ שׁוֹין פָארְשְׁטֶעלִין מַיין שְׁרֶעק אוּנ מַיינֶע שְׁמֶערְצֶען אַלְס אִיךְ הָאבּ עֶרְפַאהְרֶען אַז אִיהר הֵייראַטְהֶעט אַנְאַנְדֶערֶע, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער מִיט דֶעם גֶעדַאנְק, אַייךְ דָא אַסְקַאנְדַאל צוּא מַאכִין , נוּר יֶעצְט בִּין אִיךְ שׁוֹין רוּהִיג, אִיךְ װֶעל אַייךְ שׁוֹין נִיט מְשַׁעפֶּען , נוּר אֵיין זַאךְ װֶעל אִיךְ אַייךְ בֶּעטֶען אִיהר זָאלְט מִיר אוֹיסְלַייהֶען עֶטְלִיכֶע רוּבֶּעל אוֹיפִין װֶעג אִיךְ זָאל נָאךְ הַיינְט קָאנֶען אַװֶעק פָארֶען .

מִיט פֶערְגֶענִיגֶען װֶעל אִיךְ דָאס אַייךְ טָאהן — הָאבּ אִיךְ גִיעֶנְטְ-פֶערְט אוּנ הָאבּ אִיהר אָבְּגֶעגֶעבֶּען װיפִיל גֶעלְד אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִין כַּיין טַאשׁ .

זִיא הָאט זִיךְ מִיט מִיר פְרַיינְדְלִיךְ גֶעזֶעגְנְט אוּנ אִיז אַװֶעקְגֶע-גַאנְגֶען, אִיךְ הָאבּ גָאר פְרֵייעֶר גֶעאַטְהֶמְט אַלְס אִיךְ בִּין זִיא פָּטוּר גֶעװָארִין , אוּנ הָאבּ טַאקִי גֶעמַאכְט דִיא בְּרָכָה „שֶׁפְּטָרַנִי" .

## ח

### צָרוֹת אוֹיפִין פּוּד .

פִּיעלֶע פוּן מַיינֶע לֶעזֶער װֶעלִין זִיךְ גֶעװִיס װאוּנְדֶערִין אוֹיף דֶעם

וואס איך האב געהאט געדולד אונ ריידין מיט דער חאראקטערלאזער קאריקאטור מיט גוטען, ווערענד איך האב באדארפט ביי דיא ערשטע ווערטער אשפייא טאהן איהר אין דעם מיאוס פנים אדער איר שיינקען אפאר פייערינגע פעטש פון וועלכע זיא זאל וועניגסטענס אהאלב יאהר אפקריינקען, נור ווען זייא זאלין מיין לאגע באטראכטען וואלטען זייא פערשטאנען אז איך האב קיין אנדער מיטעל דא געהאט וויא נור מיט גוטען צוא האנדלען, דען מיר קאנען דאך שוין דער וועלט, מיר ווייסין אז ווען מיא הערט וועגען יעמאנדען ריידין שלעכטעס וויל מאן גאר ניט ערפאהרען צוא דאס איז ריכטיג צוא ניין, אונ דיא ליידיג גייער וואס זיינען ברוך השם פול אין יעדען שטאט האפין יעדען ליגין אויף אונ צוטראגין דאס אלס וויכטיגע נייעס איבער דער גאנצער שטאט, איך האב באלד דער קאנט אז דיא פערפלוכטע פלעפען וויל מיר מאכין אסקאנדאל, אונ האב גוט געוואוסט אז ווען חלילה וחס יעמאנד וועט הערין פון איהר מונד אז זיא איז געקומען בעטין ביי מיר גט, וועט מאן זיך גאר דיא מיהע ניט וועלין געבען צוא ערפאהרען אויב דאס איז אמת אדער ניט אונ באלד וועט דיא גאנצע שטאט קלינגען מיט דעם נייעס אז ארען שיצפיצס איידים דער ליטוואק האט נאך א ווייב.

דיא ליטוואקעס האבין שוין אזא פינסטער מזל אז איבעראל רעכינט מען זייא פאר שלעכטע פערדארבענע מענטשען, טאמער טוט איין ליטוואק אפאלש ווערין דער פאר אלע ליטוואקעס פער־האסט, דאס ביסיל יודען פון דער ליטויא האבין דאס זעלבע מזל פון דיא יודען אין אלגעמיין, מיר ווייסין דאך אז איבעראל בעשול־דיגט מען אלע יודען צוליעב איין פערדארבענעם מענטשען, אין פוילין, בעסראביע, וואהלינען איז דער ליטוואק שרעקליך פערהאסט, דער פאר וואס אין דיא לעצטע יאהר האבין זיך זעהער פילע ארמע ליטווישע יודען בעזעצט צווישען זייא אונ דאס גליק האט זייא דארט מיט זיינע פליגעל בעשאטעט, זעהער פיעל ארמע ליטוואקעס וואס זיינען אהין געקומען נאקעט אונ בארפוס זיינען דארט רייך געווארין אונ שפיעלען גרויסע ראליען, אונ דאס האט ערוועקט אשטארקע קנאה ביי דיא בעשטענדיגע איינוואוינער פון דיא קאנטין, אונ זייא זוכען דארום פעהלער אין אלע ליטוואקעס. האט זיך געמאכט

אז איין ליטוואק האט מען געכאפט ביי א גנבה האבין באלד אלע ליטוועשע יודען בעקומען דעם נאמען גנבים, האט זיך געפונען איין כאראקטערלאזער ליטוואק וואס האט חתונה געהאט מיט א צווייטער פרויא וועהרענד ער האט די ערשטע ניט געגט האט מען באלד געזאגט אז אלע ליטוואקעס טוהען אזוי.

אין טישפיט האט אויך דער ליטוואק א שיין פנים, די איינ־וואוינער פונם שטעטיל ריידין אויס אויף אלע ליטוואקעס כל דבר אסור דער פאר וואס צווישען זיי געפינען זיך איניגע רייכע ליטוועשע יודען, און איך האב געוואוסט אז קוים רעדט יעמאנד אויס אויף מיר א שלעכט' ווארט וואלטען זיך אלע ערקוויקט, און איידער איך וואלט צייט געהאט זיך צו פערטהיידיגען און אויס ווייזען מיין אונשולד וואלט איך דער ווייל גיוועזען צו שפאט און צו שאנד, דער געדאנק האט מיר געגעבען געדולד, און האט מיך געצוואונגען איך זאל דא פיהרען מיט גוטען.

„אז עס איז אבער בעשערט צרות העלפט קיין זאך ניט" זאגין די אלטע ווייבער, עס איז מיר ווי עס שיינט באשערט גיוועזען אליין אונגליקליך צו ווערין, און נאך זיך נאכשלעפען אין אבגרונד מיינע טהייערסטע פערזאנען.

דאס כשרה פריילין פלעפען האט אפילו געהאלטען ווארט, זי איז נאך יענעם טאג געפארין צום וואקזאל און האט געוואלט אוועק פאהרין, צו מיין אונגליק האט זי זיך טאקי אויף דעם וואקזאל געטראפין מיט דעם הערין לעאן שטיינגאלד וועלכער איז אמאהל צוזאמען מיט מיר געפארען נאך בערלין, און האט דאמאלס די גאל אויסגירעט אויף מיין מחותן, איך ווייס ניט ווי אזוי פלעפען האט זיך מיט איהם פלוצים צוזאמענגערעט, נור זיי האבין פארט זיך פונאיינאנדער גירעט, און אז עס איז גראדע געקומען צו רייד פון מיר האט איהם פלעפען ערצעהלט אז איך האב מיט איהר געהייראטהעט, זי האט שוין א קינד פון מיר, און יעצט האט זי אונערווארטעט ערפאהרען אז איך האב געהייראטהעט מיט אן אנדערער, איז זי געקומען צו מיר בעטין איך זאל אויף איהר חאטש רחמנות האבין און זאל איהר געבין א גט, נאר איך האב איר גאר ניט גיענטפערט.

מעהר האט שטיינגאלד ניט באדארפט, ער האט זיך מיט דער בשורה ערפרייעט פונקט וויא ער זאל געווינען דאס גרויסע געווינס, ער האט דא געפונען אנארט ראבע צוא נעמען פון מיין מחותן, דארום האט ער אלע קרעפטע אנגעווענדעט דער פלעפען צוא באוועגין זיא זאל פון טישפיט ניט אוועק פארין ביז איך וועל איהר געבין גט, ער האט איהר פערשפראכין בעהילפיג צוא זיין אין דעם מיט אלע קרעפטע, אונ האט זיך פרייאוויליג אויסגערעט אז דיא גאנצע צייט וואס זיא וועט זיין אין טישפיט וועט ער זיא אויס האלטין מיט קאסט קווארטיר, אונ אלע זייטיגע הוצאות, אונ איהם האט געלונגען דער פערפלוכטער פרויא איבער צוא ריידין זיא זאל זיך אומקעהרין.

איך האב גאר ניט געאהנט אז פאר מיר גראבט זיך אזא קבר, אונ בין געווען העכסט פרייליך אונ גליקליך, נור אויף מארגען אלס איך בין פונם שלאף אויפגעשטאנען האט מען מיר געבראכט אפאוו־יעסטקע פון דעם פרעזידענט, איך זאל מיך פאר איהם שטעלען פונקט 12 אוהר.

איך האב גאר ניט פערשטאנען וואצו האט מיך דער שטאדט־פרעזידענט גייטיג, נאר דאס הערץ האט מיר געזאגט אז מיא רופט מיך ניט וועגין אפריילליך געשעפט, איך האב מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערווארטעט דיא צוועלפטע שטונדע, אונ בין געלאפען צום פרעזידענט, שטעלט אייך פאר מיין שרעק אלס איך האב דארט געטראפען דאס פריילין פלעפען.

דיא פרויא — האט דער פרעזידענט צוא מיר געזאגט — קלאגט זיך אויף אייך אז איהר האט מיט איהר געהייראטהעט, זיא האט אייך שוין אויך אזאהן געבארען, אונ איהר האט זיא זעהער טיראניש בעהאנדעלט דאמיט וואס איהר האט זיך ערלויבט אהנע זיא צוא שיידען הייראטהען מיט איינער צווייטער פרויא, וואס האבען זייא דארויף צוא אנטווארטען?

מיין אנטווארט איז זעהער קורץ הערר פרעזידענט — האב איך געענטפערט אונ דאס בלוט האט אין מיר געקאכט פאר כעס — זיא איז קיין מאהל מיינע פרויא גיוועזן.

(האלב מענטש)

וואמיט

וואמיט קאנען זייא עם באווייזען ? — האט מיך דער פרעזידענט געפרעגט.

איך ברויך קיין ציינען אונ קיינע בעווייזע — האב איך ראש געענטפערט — זיא קלאגט מיך אן דאס איך בין איהר מאן, גלויבע איך אז זיא מוס עם באווייזען, פאדערין זייא הערר פרעזידענט פון איהר אונזער טרויאוננגס שיין.

זייא האבען רעכט — האט דער פרעזידענט געענטפערט, אונ זיך ווענדענד צוא איהר האט ער געזאגט — זייא מוסען מיר מאדאם איהר טרויאוננגס שיין ציינען אלם צייכען דאס דער הערר פיקטעל איהר מאן איזט.

פלעפען איז בלאס געווארין, אונ האט געענטפערט: איך האב דעם טרויאוננגס שיין פערגעסען בייא מיר אויף דער קווארטיר.

איז גוט — האט דער פרעזידענט מיט אשמייכיל געענטפערט — זייט זא פריינדליך אונ ברייננט מיר דעם טרויאוננגס שיין, דאן וועל איך וויסען וואס איך האב צוא טאהן.

פלעפען איז ארוים געגאנגען וויא אבגעשמיסען, אויך איך בין נאך איהר ארוים געגאנגען, אונ אלם מיר זיינען אויף דער גאס געוועזען האב איך צוא איהר צארניג געזאגט: זאג מיר נור דוא טייפיל וואס האסטו זיך אן מיר אן געטשעפעט אומזיסט, דוא ווילסט איך זאל פון דיר מאכין אתל.

פרופט מיך נור מיט איין פינגער בעריהרען וועט איהר דא באלד האבין אלע איינוואוינער פונם שטעטיל ארום זיך — האט זיא קאלט געענטפערט.

דוא מערדערין! — האב איך אויסער זיך פאר כעם געשריען אונ טרערין האבין זיך מיר געוויזען אין דיא אויגען — וואס האסטו צוא מיר? פאר וואס ווילסטו מיך מיט מיין פרויא אונגליקליך מאכין.

אז איך בין אונגליקליך מאגין אלע מענטשען אונגליקליך זיין, בעזאנדערם איהר, דען איהר קאנט מיך פון מיין אונגליק רעטען, אויב איהר וועט וועלין מיר געבען אגט.

אונ ווען דוא וועסט דיא כפרה ווערין וועל איך דיר געבין אגט? איך זאל געבין אגט אזא אויסוואורף דער נאטור דער פאר וואס איך האב איין מאהל אין מיין לעבען איהר מיאום פנים געזעהן, איך זאל

זאל צוליב דיר פערפלעקען מיין נאמען אויף עוויג, וואס ביזטו מיט מיר אונ ווער ביזטו?

איך היים פלעפען, אונ אז איך פערלאנג אזאך מוז מען דאס מיר טאהן.

איך האב שוין געוואלט אויפהויבין דיא האנד אונ געבין איהר אין באק, נור דאס איז גיוועזן אין גאס, אונ איך האב מורא געהאט פאר אסקאנדאל.

וואס קומט דיר ארויס פון דיין ארבייט — האב איך ענדליך געזאגט — דוא קאנסט מיר מעהר ניט וויא עטליכע טעג שמערצען פערשאפען, ביז מיא וועט ערפאהרען אז דוא זאגסט ליגין, דער נאך אבער וועל איך דיר פאר דער פערליימדונג אין אסטראג אריין ברייננען.

טוהט וויא איהר פערשטעהט אונ איך וועל טאהן וויא איך פערשטעה — האט זיא גיענטפערט שמייכלענד אונ איז אוועקגעגאנגען מיט שנעלע טריט.

וואו האב איך גענומען געדולד אונ האב מיך איינגעהאלטען דער שלאנגע ניט מיט דיא פים צוא טרעטין, דאס פערשטעה איך ביז הייטע ניט.

איך האב גיזעהן אז אשווארצער וואלקען גייט געגען מיר אויף, מיין לעבען אויף אימער צוא פערדונקלען, איך בין אהיבשע צייט פערצווייפעלט געבליעבען שטעהן אויף מיין ארט, ענדליך אבער האב איך זיך געמוטהיגט אונ האב צוא זיך אליין געזאגט, שקר אין לו רגלים' דאס פאלשקייט האט קיינע פים עס קאן לאנג ניט לויפין, אויך דא וועט זיך וואהרשיינליך דיא וועלט איבערצייגען אין מיין אונשולד, אונ איך וועל בלייבען דער זעלבער פיקטעל וויא ביז אהער.

מיט דער טרייסט בין איך אוועק געגאנגען צוא מיין כלה, זיא האט מיך צארטליך עמפפאנגען, אונ האט מיך געפרעגט ווארום בין איך זא שפעט געקומען?

איך האב אויס געזוכט אתירוץ, אונ מיר האבין זיך ביידע געזעצט פריהשטיקען.

זיא האט בעמערקט אז איך בין עפעס צוטראגין אונ אונרוהיג,

זיא האט מיך ענדליך געפרעגט וואס דאס באטייט, איך האב איהר אפילו געוואלט ערצעהלען וואס דא טוט זיך, אונ האב אבער ניט געקאנט, איך האב ניט געקאנט ערצעהלען אזא שימפפליכע טהאט אין דיא אהרען פון דעם אונשולדיגען מעדכען.

קוים האבען מיר אבגעגעסען, איז אריין געקומען איוד, אונ האט געפרעגט צוא דא איז איינער יצחק פיקטעל.

דאס בין איך — האב איך גיענטפערט.

דער ראבינער האט מיך געשיקט איך זאל אייך רופען, איהר זאלט שוין קומען צוא גיין — האט דער יוד געזאגט.

וואס דארף דאס דיך דער ראבינער? — האט מיך מיין פרויא געפרעגט.

איך האב פערשטאנען, אז דא מוז ווייטער שטעקען דיא פער־פלוכטע פלעפען, איך בין נאר בלאס געווארין, אונ האב ניט גיוואוסט וואס צוא ענטפערין.

זאג מיר יוזא וואס באדארף דיר דער ראבינער — האט מיינע פרויא מיך אבערמאלס וויא ערשראקען געפרעגט.

איך וויים אויך ניט — האב איך גיענטפערט — וואהרשיינליך וויל ער זיך מיט מיר זעהען ווייל איך האב איהם פערשפראכען אוויזיט צוא מאכין.

גיין דער יוד רופט ניט אויף וויזיטין — האט מיינע פרויא גיענט־פערט — איך קאן דעם יודען, ער איז אבית דין שמש.

איך וועל זיין ביים דעם ראבינער, וועל איך ערפאהרען וואצו ער באדארף מיך, נור איך פערשטעה ניט ווארום ביזטו אזו אונרוהיג, מיא רופט מיך געווים ניט פאר אגנבה.

איך בין נאר ניט אונרוהיג, איך פרעג גלאט אזוא אוים ניאגיערדע.

איך וועל קומען צוריק וועל איך דאס דיר ערצעהלען.

איך האב איהר אקוש געגעבין אין שטערין אונ בין אוועקגע־גאנגען צוא דעם ראבינער.

איך האב מיך זעהער געוואונדערט, אלס איך האב דער זעהן געבען דעם ראבינערס הויז איינינע מענטשען, אין דיא קליינע שטעטליך הייסט דאס „ארעדיל מענטשען" אלע סורן זיך אונ קוים

האבען זייא מיך דער זעהן האבין זייא אלע אויף מיר געקוקט מיט אשמייכיל, אונ אייגער האט הויך געזאגט: דיא ליטוואקעס זייגען גאר קיין נאראנים ניט, זייא פערשטעהען אז צווייא ווייבער איז בעסער אלס איינע.

איך בין ערציטערט געווארין אלס איך האב דיא ווערטער ערהערט, איך האב שוין גיזעהן אז דער סקאנדאל וואס פלעפען האט מיר געמאכט איז שוין קיין סוד ניט, איך האב אויך באלד פערשטאנען פון וואנען דאס נעמט זיך, דען אין דעם רעדיל האב איך דער זעהן דעם שווערס בלוט פיינד לעאן שטיינגאלד, ער האט אויף מיר געקוקט מיט אלאכענד פנים וויא ער זאל זאגין: אהא איך האב געפונען דאס פלאץ וויא ראכע צוא נעמען פון דיר אונ פון דיין שווער.

דיא לעזער קאנען זיך שוין פארשטעלין מיט וואס פאר אהארץ איך בין אריין געקומען צוא דעם רב אין שטוב אריין, מיר האבין זיך געטריפט טראפינס בלוט פון דיא אויגען, דיא גאנצע שטאט האט זיך פאר מיר געדרעהט.

איך האב דא געטראפין דאס פריילין פלעפען, זיא איז גיזעסען מיט פערוויינטע אויגען געגען דעם ראבינער.

דער ראבינער וועלכער וואר מיינער אגוטער בעקאנטער אונ אגוטער פריינד, האט דאס מאהל אויף מיר שטרייגג אקוק געטאהן, ער האט מיך אפילו ניט געבעטען זיצען.

אזוא הערר פיקטעל — האט ער צוא מיר מיט אפינסטערע מינע געזאגט — איהר זייט אויך פעהיג צוא אזא ניעדעריגער זאך הייראטען צווייא ווייבער, דאס וואלט איך נימאלס געגלויבט.

אונ יעצט גלויבט איהר? — האב איך מיט אגעצוואונגענעם שמייכיל געפרעגט?

איך מוז גלויבען, איך האב פאר זיך אלעבעדיגען עדות.

מיר איז אוואונדער איהר זאלט דאס זאגען הערר ראבינער — האב איך גיענטפערט — איהר נעמט אן איין עדות וועלכען איהר קאנט ניט אונ ווייסט ניט, איהר אלס רב באדארפט בייא אזא זאך פאדערין פאקטען, דאס פריילין פלעפען האט אייך אויך ווארשיינליך געזאגט אז איך האב מיט איהר געהייראטהעט.

יַא זִיא זָאגְט אַזוֹא.

בֶּעט זְשֶׁע אִיהר עֶרְשְׁטִינְס זִיא זָאל אַיךְ וַוייזְן דִיא כְּתוּבָּה, אִיהר וַוייסְט דָאךְ אַז יֶעדֶע פֶערְהֵייַראטְהֶעטֶע פְרוֹיא מוז הָאבִּין אַכְּתוּבָּה. צְווייטֶענְס זָאל זִיא אַייךְ עֶרְצֶעהְלֶען וואו איז גִיוֶועזְן אוּנְזֶער חֲתוּנָה. אוּנ וֶוער איז גִיוֶועזְן אוֹיף דֶער חֲתוּנָה, אונ וואו איז אוּנְזֶער טְרוֹי-אוּנְגְס שַׁיין.

וָואס עֶנְטְפֶערְט אִיהר מַאדַאם אוֹיף דִיא פְרַאגֶען? — הָאט דֶער רַאבִּינֶער גֶעזָאגְט זִיךְ וֶוענְדֶענְד צוּא אִיהר.

דִיא כְּתוּבָּה מִיט דֶעם טְרוֹיאוּנְגְס שַׁיין הָאבּ אִיךְ פֶערְלָארֶען, אוּנ אִיךְ וַויים נִיט וואו זִיא איז — הָאט פלעפען גִיעֶנְטְפֶערְט מִיט אַצִי-טֶערֶענְדֶע שְׁטִימֶע — אוּנ וֶוענִין אוּנְזֶער חֲתוּנָה קָאן אִיךְ אַייךְ עֶרְצֵיילֶען רִיכְטִיג, דִיא חֲתוּנָה איז גִיוֶועזְן אִין דֶעם דָארְף ליטייקען דִיא צְווייטֶע סְטַאנְצְיֶע פון טרילטא נָאךְ לֶעבִּין אַלֶע עֵדוּת וָואס זַיינֶען גִיוֶועזְן אוֹיף אוּנְזֶער חֲתוּנָה.

וִויא הֵייסִין דִיא עֵדוּת? — הָאט דֶער רַאבִּינֶער גֶעפְרֶעגְט.

זַייעֶרֶע נֶעמֶען גֶעדֵיינְק אִיךְ נִיט — הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט — נור אַז אִיךְ וֶועל זֵייא זֶעהן וֶועל אִיךְ זֵייא בַּאלְד דֶערְקֶענֶען, זֵייא וואוינֶען טַאקִי אִין ליטייקען.

עֶרְלוֹיבְּט מִיר הֶערר רַאבִּינֶער אִיךְ זָאל זִיא אַיינִיגֶע פְרַאגֶען פְרֶעגִין — הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט.

פְרֶעגְט.

זָאגְט מִיר נוּר פלעפען — הָאבּ אִיךְ צוּא אִיהר גֶעזָאגְט — וִויפִיל איז אַלְט אַייעֶר קִינְד?

אוּנְזֶער קִינְד איז אַלְט זִיעבֶּען חֳדָשִׁים עֶר איז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארִין אִין תִּשְׁרֵי.

וואו הָאבִּין מִיר זִיךְ גָאר דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהל גִיזֶעהן?

אִין טרילטא.

וֶוען הָאבִּין מִיר זִיךְ דֶערְקָאנְט?

זוּמֶער אִין מָאנְהַיים סִיוָן.

הֶערר רַאבִּינֶער הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט זִיךְ וֶוענְדֶענְד צוּם רַאבִּינֶער, דָא הָאט אִיהר פון אוֹיבִּין אוֹיף אִיהר פַּאלְשְׁקַייט, פון סִיוָן בִּיז תִּשְׁרֵי

איז נור 5 מאנהייט , אונ איך גלויבע אז אפרויא שוואנגערט מעהר פון פינף מאנהייט .

יא איהר זייט גירעכט — האט דער ראבינער גיענטפערט אונ זיך ווענדענד צוא איהר האט ער געזאגט : דער הערר פיקטעל האט דאך זעהער רעכט וואס זאגט איהר דאצו ?

איך האב אטעות געהאט — האט זיא ראש גיענטפערט — מיר האבין זיך דערקאנט אין מאנהייט ניסן , אונ איך האב דאס קינד געבארען אין זיעבענטין מאנהייט .

איהר זעהט דען ניט הערר ראבינער — האב איך געזאגט — אז זיא וויל מיך נור אונגליקליך מאכין אונ אלעס וואס זיא רעדט איז ליגין ?

איך רייד אמת ! — האט דיא אונפערשעמטע אגעשריי געטאן — דוא ביזט מיין מאן , איך האב עדות וואס לעבין נאך , אונ דוא מוזט מיר געבין גט , אויב ניט וועל איך דיר נאך היינט דאס קינד אין שטוב אריין ווארפין .

מיר וועסטו אריין ווארפין דאס קינד — האב איך אויסער זיך פאר כעס געשריען — פאר דיין קינד האסטו אבעסער פלאץ , ווארף איהם אריין אין פונדעל הויז , אדער גיב איהם איבער צוא דעם קאטהיילישען פריסטער וועט ער איהם שוין מאכין פאר אלייט .

קוים האב איך דיא ווערטער אויסגירעט , איז דער ראבינער צארניג פון זיין ארט אויפגעשפרונגען אונ האט גיזאגט : קוים ערלויבט איהר זיך הערר פיקטעל מיר אין דיא אויגען אזעלכע ווערטער צוא זאגין , מיא זאל איבערגעבען אידיש קינד אין קריסטליכע הענד , איז אויף אייך אלין צוא גלויבען , אונ איהר מוזט מיט דער פרויא מאכין איין ענדע אהער אדער אהין . . .

ווען איידישער ראבינער ערלויבט זיך אזא פסק ארויסצוגעבין — האב איך אויך צארניג גיענטפערט — לאז איך אייך איבער מיין פלאץ , איך בין איהר מאן פונקט וויא איהר , אונ דאס זעלבע קאנט איהר מיט איהר מאכין איין ענדע אהער אדער אהין . . .

איך בין צארניג ארויס געלאפען פון דעם ראבינערס הויז ;

נאר דא האב איך געהאט זעהער אמיאוס באגעגנים , דיא גאס איז שוין גיוועזן פול מיט מענטשען , אלע האבין וועגין מיר גירעט ,

אלע האבין מיך געפלוכט, אונ אלס איך בין דורך זייא דורכגע גאנגען, האט מען מיר נאך געשריען „ליטוואק גנב! נעם נאך אדריט ווייב״ אייניגע באד יונגען האבין זיך ניט געפויילט ווארפין אויף מיר שטיינער, איך בין געלאפין אהגע צוא וויסען וואוהין איך לויף, איך בין פאסט וואהנזיניג אריין געלאפין צוא מיין שווער אין הויז, אונ האב דארט אשרעקליכע סצענע געטראפין.

# ט

## מיין צערשטערטער גן־עדן.

איך האב געטראפין מיינער פרוי ליעגענד אויף אזאפע, אונ איהר פאטער מיט איהר גראסמוטער האבין איר אין געזיכט גישפריצט קאלט וואסער, זיא איז גיוועז בלאס וויא דער טאדט, זאגאר אין איהרע ליפפען איז קיין בלוטס טראפפען גיוועז.

קוים בין איך אריין געקומען, האט מיר מיין שווער געגעבין אוואונק איך זאל אוועק גיין, איך האב אבער ניט געקאנט אוועק גיין אין דער צייט ווען איך האב גיזעהן מיין ליעבער פרויא אין אזא לאגע, אונ בין דארום צוגעגאנגען, אונ האב געפרעגט וואס דאס באטייט.

ארו׳ס פון מיין שטוב דוא פערפלוכטער ליטוואק! — האט מיין פרויאס גראסמוטער צוא מיר צארניג געשריען — זעה וויא דוא האסט ערמארדעט מיין קינד, גאטט זאל דיך ערמארדען דער פאר דוא אונמענטש!

ביי דעם געשרייא האט אנא דיא אויגען גיעפינט, אונ אלס זיא האט מיך דער זעהן האט זיא זיך געוואלט אויפהויבין, איהרע אויגען ווארען גרויס אונ שרעקליך, זיא האט אבער ניט געקאנט, נור איהרע ליפפען האבין זיך בעוועגט אונ פון זייא איז ארויס געגאנגען דאס ווארט „מערדער!״

איך האב שוין פערשטאנען וואס דא טוהט זיך, אז געוויס האבין זייא דא ערפאהרען פון דעם סקאנדאל וואס פלעפען האט מיר געמאכט, איך האב געוואלט עפעס ריידין, נור ארען האט מיך

אנגענומען פאר דער האנד אונ האט שטרייננ געזאגט: קומט איך האב מיט אייך צוא רײדין.

מיר זיינען אריין געגאנגען אין אבעזונדער צימער, אראן האט פערשלאסין דיא טיהר אונ זיך ווענדענד צוא מיר מיט פייערינע בליקען האט ער געזאגט: זאגט מיר פיקטעל וואס האט איהר צוא מיר געהאט, אונ וואס האט איהר געהאט צוא מיין טאכטער?

איך האב קיין פעהלער געגען אייך וויא אויך געגען אייער טאכטער געטאהן — האב איך גיענטפערט.

איהר וואגט נאך זיך צוא פערטהיידיגען ווערענד אייער פאלשקייט איז ארוים אויפין טעלער?

וואס וואלט איהר געטאהן שווער ווען אייך זאל טרעפען אזא געשיכטע, אמעדכען זאל זיך צוא אייך צוטשעפען אונ זאל שרייען אז זיא האט מיט אייך געהייראטהעט.

מיר קאן אזא געשיכטע ניט טרעפין, ווייל איך האב אזא זאך ניט געטאהן.

אונ איהר גלויבט ווירקליך אז איך האב אזא זאך יא געטאהן?

איך מוז דאס גלויבען, דען עס איז אונמעגליך אמעדכען זאל זיך צוטשעפען צוא איין ארדענטליכען מאן מיט אזעלכע בלבולים;

איך וועל אייך אבער געבין אזא באווייז וואס איהר אליין וועט מודה זיין אז דאס איז נור אבלבול.

וואס צום ביישפיעל פאר אבאווייזווילט איהר געבין?

זאגט מיר נור הערר שיצפין, אלס דאס פריילין פלעפען איז גיוועזן ביי אייך אין קעניגסבערג, האט זיא געוואוסט אז איך בין אחתן פאר אייער טאכטער?

יא זיא האט געוואוסט.

נוא שטעלט אייך פאר ווען עס זאל זיין ווירקליך אזוא אז דיא פלעפען איז מיינע פרויא, וויא מיינט איהר וואלט זיא געשוויגען ביי דער נאכריכט אז איך הייראטהע מיט איין אנדערער? וואלט זיא אייך באלד ניט ערציילט אז זיא איז מיינע פרויא.

שיצפין האט מיך ערשטוינט אנגעקוקט, איהר האט רעכט האט ער געזאגט, ערקלערט זשע מיר וויא קומט דאס וואס זיא איז פלוצים פון דער העלער הויט אנגעפאלין אויף אייך מיט אזא בלבול.

אויף אַזעלְכֶע פְרויעֶן איז קיין קֻשְׁיוֹת צוּא פְרֶעגִין, זִיא הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט אָן מִיר וַוייל זִיא ווייס אַז אִין דֶער שְׁטָאט וֶועלִין דָאס אַלֶע גְלוֹיבִּין וַוייל מִיא הַאלְט דָא אַלֶע לִיטְוואַקֶעס פַאר חַאַראקְטֶער־לָאזֶע מֶענְטְשֶׁען, אוּנ וֶוען אִיךְ זָאל זִיךְ נִיט גִיוֶוען טְרֶעפִין מִיט אִיהר וָואלְט דָאס גֶעפַאלִין אויף אַיין אַנְדֶער קָאפְּף.

וָואס הָאט גֶעזָאגְט דֶער רַאבִּינֶער? — הָאט עֶר מִיךְ גֶעפְרֶעגְט.

אִיךְ הָאבּ אִיהם עֶרְצֶעהְלְט וָואס דֶער רַאבִּינֶער הָאט גֶעזָאגְט.

מִיר מוּזֶען בֵּיידֶע אַרַיין גֵיין צוּא אִיהם, אוּנ זִיךְ דָארְט מְיַשֵׁב זַיין וָואס מִיר הָאבִּין צוּא טָאהן, עֶר אִיז אַקְלוּגֶער מֶענְטְשׁ עֶר וֶועט אוּנְז אַקְלוּגֶע עֵצָה גֶעבִּין.

אִיהר זֶעהט דָאךְ אָבֶּער וִויא קְלוּג עֶר אִיז, אַז עֶר אִיז אויף מִיר אָנְגֶעפַאלִין נוּר דֶער פַאר וָואס אִיךְ הָאבּ אוים כַּעַס זִיךְ אוּמְגִירֶעט אַזַא זַאךְ.

דָאס מַאכְט נִיט אוים — הָאט אַראן גֶעזָאגְט — דֶער כַּעַס הָאט אִיהם שׁוין גֶעמוּזְט אִיבֶּערְגֵיין, עֶר אִיז אַגַאנְץ גוּטֶער מֶענְטְשׁ.

נוּא מִיר וֶועלִין אַרַיין גֵיין צוּא אִיהם, אָבֶּער נִיט יֶעצְט וַוייל אִיךְ הָאבּ מוֹרָא דִיא נַאס דוּרְכְצוּגֵיין, דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט קָאכְט מִיט דֶעם סְקַאנְדַאל.

וֶועלִין מִיר אַרַיין גֵיין צוּא אִיהם אָבֶּענְדְסְצַייט, נוּר אֵיין זַאךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ בֶּעטִין אַז פַאר מַיין טָאכְטֶער זָאלְט אִיהר זִיךְ נִיט וַוייזֶען בִּיז אַייעֶר אוּנְשׁוּלְד וֶועט עֶרְקְלֶערְט וֶוערִין.

אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה נִיט מִיט וָואס פַאר אַרְגֶעכְט וִוילְט אִיהר מִיךְ פוּן מַיין פְרוֹיא שֵׁיידִין, וֶועהְרֶענְד אִיהר אַלֵיין פֶערְשְׁטֵייט אַז אִיךְ בִּין אוּנְשׁוּלְדִיג.

דָאס וָואס אִיךְ פֶערְשְׁטֵייא אִיז נָאךְ אַלְס וֶועניג, מִיר בַּאדַארְפִין דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל דָאס פֶערְשְׁטֶעהְן, אוּנ אֵיידֶער אַלֶע זַיינֶען אִין אַייעֶר אוּנְשׁוּלְד אִיבֶּערְצַייגְט קָאנְט אִיהר מַיין טָאכְטֶערְס מַאן נִיט זַיין, אִיהר פֶערְשְׁטֶעהט דָאךְ אַלֵיין, אַז אִיךְ וִויל נִיט מִיא זָאל מִיךְ מִיט מַיין טָאכְטֶער נָאכְטַייטִין מִיט דִיא פִינְגֶער, מִיא זָאל זָאגִין אַז מַיין אֵיידִים הָאט צְוֵייא וַוייבֶּער, אוּנ אוֹיבּ אִיהר וִוילְט קָאנֶען מִיר אַייךְ אִין גַאנְצֶען בֶּעפְרַייעֶן...

וָואס הֵייסְט בֶּעפְרַייעֶן?

נָאר פְּשוּט , אִיהר קָאנְט זִיךְ מִיט מַיין טָאכְטֶער שֵׁיידֶען דוּרךְ אַגֶט .

דֶער פַּאר וָואס אַיין אוֹיסְוואוּרְף הָאט גֶעמַאכְט אוֹיף מִיר אַיין בִּלְבּוּל ?

יַא בִּלְבּוּל נִיט כִּלְבוּל , אוּנְזֶערֶע יוֹדֶען זָאלֶין גֶעזוּנְד זַיין וֶועלֶין נִיט גְלוֹיבֶּען אַז דָאס אִיז נוּר אַבִּלְבּוּל , זַייא בַּאדַארְפִין נִיט מֶעהר וִויא הֶערִין פוּן דֶער פלעפען אַז אִיהר זַייט אִיהר מַאן אִיז דָאס פַּאר זַייא גֶענוּג מִיא זָאל אוֹיף אַייךְ אַלֶעס גְלוֹיבֶּען , אוּנ וֶוען אֲפִילוּ אִיהר וֶועט שׁוֹין אוֹיסְוַוייזֶען מִיט אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים אַז אִיהר זַייט אוּנְשׁוּלְדִיג בְּלַייבְּט אַלְץ אַייעֶר נָאמֶען אוֹיף עֶווִיג פֶערְפְלֶעקְט , דַארוּם רֶעכֶין אִיךְ אַז עֶס וָואלְט גְלַייכֶער גִיוֶוען פַּאר אוּנְז בֵּיידִין מִיר זָאלִין מַאכִין אִין גַאנְצֶען אַיין סוֹף .

אוּנ אַייעֶר טָאכְטֶער וֶועט וֶועלִין אִיךְ זָאל זִיא גֶטִין ?

דָאס אִיז שׁוֹין מַיין זַאךְ .

אוּנ אַזוֹא רֶעט אִיהר ? אַזַא אוֹיפְגֶעקְלֶערְטֶער מֶענְטְשׁ וִויא אִיהר זַייט ? — הָאבּ אִיךְ צָארְנִיג גֶעזָאגְט — אַנְשְׁטָאט מִיט מִיר מִיטְלֵייד צוּא הָאבִּין וִוילְט אִיהר מִיר נָאךְ שִׁיטֶען זַאלְץ אוֹיף דִיא וואוּנְדֶען ? דָאס אִיז אַייעֶר יוֹשֶׁר ?

וָואס זָשֶׁע זָאל אִיךְ טָאהן , מִיא מוּז אַמָאל פַּאר דֶער וֶועלְט מֶער יוֹצֵא זַיין אַלְס פַּאר זִיךְ אַלֵיין .

וֶוען אִיהר קָאנְט אַזוֹא רֵיידִין , אוּנ אַייעֶר טָאכְטֶער וֶועט אוֹיךְ זַיין מִיט אַייעֶר לָאנְגְשֶׁער מֵיינוּנְג בִּין אִיךְ פֶערְטִיג זִיא צוּא גֶעטִין חָאטְשׁ הַיינְטִיגֶען טָאג , אִיהר בַּאדַארְפְט מִיר נוּר מַיין גֶעלְד דִיא 500 רוּבֶּעל אַוֶועק גֶעבִּין וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעגֶעבֶּען אוֹיף דֶעם נַייעֶם גִישֶׁעפְט .

דָאס רֶעט אִיהר וִויא אַקִינְד — הָאט אראן קַאלְט גִיעֶנְטְפֶערְט — אִיהר פֶערְגֶעסְט אַז מַיין טָאכְטֶערְס חֲתוּנָה מִיט אִיהרֶע קְלֵיידֶער הָאבִּין מִיר גֶעקָאסְט בִּיז 500 רוּבֶּעל .

וָואס זָשֶׁע בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג ? אִיהר וִוילְט דָאךְ פוּן מִיר פָּטוּר וֶוערֶען .

אָבֶּער אָהְנֶע אַייךְ גֶעלְד צוּא גֶעבִּין , גֶענוּג אִיז פַּאר אַייךְ דִיא שַׁאנְדֶע וָואס מִיר הָאבִּין גֶעהַאט צוּלִיבּ אַייךְ .

נוא אויב אזוא — האב איך מיט פייער געזאגט — וועל איך שוין אייער טאכטער פאר קיין פאל קיין גט געבין, מיר וועלין אריין גיין צום רב, אונ מיר וועלין הערין וואס ער וועט פסקענען, אבער איהר וועט מיר ערלויבען ריידין מיט מיין פרויא?

ניין! פאר קיין געלד אין דער וועלט — האט אראן קאלט גיענט־פערט — איך האב אייך איין מאהל געזאגט, אונ איך זאג אייך נאך אמאהל אז כל זמן אייער אונשולד וועט ניט בעוויזען ווערין פאר דער גאנצער וועלט, וועט איהר מיין טאכטער ניט זעהן.

איהר קאנט אייך ליעבע לעזער אבעגריף מאכין אין מיין לאגע. איא דאס איז זעהער אגוטער טעם, אויף מארגען נאך דער חתונה הערין אזעלכע ווערטער? איך בין ניט אין שטאנד אויסצושרייבען וואס פאר אפנים דאמאלס דיא גאנצע וועלט האט אין מיינע אויגען געהאט, איך האב זיך איבערציינגט אז דער ארדענטליכסטער מענטש קאן בעטראכטעט ווערין אלס דער גרעסטער מערדער נור דורך איין שורקע, דורך איין אונמענטשין, איך האב גיזעהן אז דיא וועלט איז בלינד, דאס פעביל איז דום, מיא קאן אלעמען פערבלענדען דיא אויגען זייא זאלין ניט זעהן וואס נעבין זייער נאז געהט פאר.

איך האב ביטערע טרערען יענעם גאנצען טאג פערגאסען, פערשפארט בין איך געזעסען אין דעם צימער אין וועלכין איך בין מיט אראנען אריין געקומען, אונ האב מורא געהאט אויף דער גאס ארויס, קיינער פון דיא שטובינע מענטשין איז צוא מיר אריין געקומען מיר זאגין אגוט ווארט, דער זעלבער פיקטעל וואס ערשט מיט צוויא טעג צוריק איז ער גיוועזן אקעניג אונ אלע האבין איהם נור אין דיא אויגען געקוקט זעהן פיעלייכט פערלאנגט ער עטוואס, דער זעלבער פיקטעל איז יעצט געזעסען וויא אגעפאנגענער מערדער פערשפארט אין געפענגענים אונ אלע בעסטע גוטע פריינד האבין אויף איהם גאר ניט געוואלט אקוק טאהן, איך האב גאר פערגעסען אז איך האב דעם גאנצין טאג ניט גענעסען, איך האב פערגעסען אז איך בין שוין אדערוואקסענער ערפאהרענער מאן, אונ האב וויא אקליין קינד געיאמערט.

פאר נאכט איז צוא מיר אראן אריין געקומען, אונ האט מיך גערופען גיין צום רב, איך בין מיט איהם געגאנגען דורך הינטער־

געשלאף, ביז מיר זיינען צוא דעם רבס הויז געקומען, עס האבין זיך דארט אבערמאלס אנגעהויבין וכוחים מיט טענות, ביז דער רב האט ענדליך געזאגט: איך זאג אייך אפען מיין מיינונג אז דער העררר פיקטעל איז אונשולדיג, אונ אום צוא ווייזען דער וועלט זיין אונשולד, איז מיין ראטה איהר זאלט צווינגען דער פלעפען זיא זאל מיט אייך מיט פארין נאך ליטייקעץ, אונ זאל דארט ווייזען וואו דיא חתונה איז גיוועזן, אונ ווער זיינען דיא עדות וואס זיינען דאמאלס דארט געוועזן.

דיא עצה איז אונז געפעלען, מיא האט באלד געשיקט רופען דאס פריילין פלעפען אונ דער ראבינער האט איהר זיין מיינונג געזאגט, זיא איז ערציטערט געווארין, אונ נאך אקורצעס נאכ־דענקען האט זיא געזאגט: גוט איך פאהר אונ איך וועל אייך אלעס איבערצייגען.

ביא מיר זיינען צוואנציג שטייגער פונם הארצין אראפגיפאלין, דא האב איך געקלערט וועט נעמען אסוף צוא מיינע צרות, דען דא וועט מאן דאך מוזען ארויס זעהן אז אלעס וואס דיא פערפלוכטע פרויא האט גירעט איז פאלש.

עס איז געבליעבען אז נאך אין דרייא טאג ארום זאלין מיר פארין נאך ליטייקעץ, דער וואקנער מגיד וועלכער וואר אראנס אפערוואנדעטער אונ ער איז גראדע גיוועזן אין טישפיט האט זיך זעלבסט אויסגערופען אז ער וויל פאהרן מיט דער פלעפען, אונ איך זאל פאהרן מיט מיין שווער.

דיא גאנצע דרייא טעג בין איך געזעסען פארשפארט אין דעם צימער פון דעם האטעל פעטערסבורג, איך האב מיך געשעמט אויף דער גאס ארויסצואגיין, איך האב מיך זאגאר געשעמט גיין אין איין רעסטאראציאן עפעס עסין, אונ האב זיך בעגניגענט מיט ברייט אונ הערינג וועלכע דער בעדינטער פון דעם גאסטהויז האט מיר גיבראכט, איך האב שוין געצעהלט דיא רגעס, איך זאל זיין אין ליטייקעץ אונ זאל באווייזען אז איך בין אונשולדיג, דיא דרייא טעג האבין זיך אין מיינע אויגען וויא דרייא יאהר געצויגען, וויא פערשטעהט איהר איז עפעס גוט צוא זיצען אין אזא שטאט וואו אלע האלטין מיך אין

מויל, און יעדער איז נייאגיעריג צוא זעהן דעם ליטוואק וואס האט צוויא ווייבער.

מיין גרעסטען פיינד קאן איך ניט ווינטשען דעם טעם וואס איך האב געפיהלט אין דער צייט, ביז נאט האט געהאלפין איך בין מיט מיין שווער אוועק געפאהרען נאך טרילטא, און פון דארט אריין פאהרין אין ליטייקעץ.

אויך פלעפען איז אוועק געפארין אהין מיט דעם וואקנער מגיד.

ו

## איך שטעה אין בלאטע.

דאס איז גיוועז דרייא טעג פאר פסח, איבעראל האט מאן באמערקט אגינסטיגע פערענדערונג, די נאטור האט אנגעהויבין פון זיך אראפ צוא ווארפען אירע שמוטציגע ווינטערקליידער, דער הימעל האט אנגעפאנגען העלער און פרייליכער צוא ווערין, דען אלע האבין שוין ערשמעקט דיא שפורען פונם פריהלינג, אויך דיא מענטשען זיינען נאר לעבעדיגער געווארין, זייא האבין שוין אויך אראפגעווארפין פון זיך זייערע שווערע ווינטער קליידער, דען גראדע ואר דער מאנהייט ניסן זעהער אווארעמער, יעדענס הערץ האט פרייליכער און מונטערער געאטהמט, בייא יעדען אין ברוסט האט זיך וויא פרישע האפנונגען ערוועקט אויף בעסערע גליקליכערע טעג, נור מיין הערץ האט ניט געוואלט פרייליכער ווערין, איך בין געזעסען אין וואגאן צערשמעטערט, ניעדערגעשלאגען, העכסט פערצווייפעלט.

דרייא אונגליקען זיינען דא אין דער וועלט וואס זיינען אונערטרעגליך, 1) ווען אנגליקליכער מענטש פאלט נאר פלוצים פון זיין גליק אראפ אין טיעפען שווארצען אבגרונד, 2) ווען אנארדענטליך מאן ווערט פאלש בעשולדיגט אין אפערברעכען און אלע גלויבען אז ער איז שולדיג, 3) ווען מיא רייסט איינעם מיט געוואלד אב פון דער פערזאן וועלכע ער ליעבט פונם גאנצען הערצען.

און דיא דרייא אונגליקען האבען מיך איינעם מיט איין מאהל

(האלב מענטש) און

אונ זא אונערוואַרטעט געטראָפען, וועהרענד איך בין געשטאַנען אין דער שפּיטצע דעם גליקעס האָט מאַן מיך פון דאָרט אַראָפּגע-שטויסען, מיא האָט מיך פאַר אַפאַלשען ניעדערטראַכטיגען מענטשין ערקלערט וועהרענד איך בין געוועזען אונשולדיג וויא אַקינד, אונ מיהאָט מיך מיט געוואַלט אָבגעריסען פון מיין ליעבער ברויט וועלכע איך האָב געליעבט מיט מיין גאַנץ לעבען, איך בעוואונדער נאָך היינטע מיין קראַפט וואָס איך האָב דאָס געקאָנט אַלעס ערטראַגען, איך בעוואונ-דער מיין געדולד וואָס איך האָב מיך איינגעהאַלטען אונ האָב דער אורהעבעריין פון דיא אַלע אונגליקען ניט ערמאָרדעט. איך בעוואונ-דער אויך מיין ענערגיע וואָס איך האָב דעם גאַנצען מוטה ניט פער-לאָרען אונ האָב נאָך אין זיך געפיהלט אַשטיקעלע שטאָלץ.

זיטצענדיג אין דעם וואַגאַן האָב איך דאָס אַלעס געקלערט, איך האָב ניט געהערט דאָס פּלויודעריין פון דיא פּאַסאַזירען וואָס זיינען געזעסען אַרום מיר, מיך האָט ניט אינטערעסירט דיא מלחמה וואָס עס איז געוואָרען אין וואַגאַן צווישען דעם קאָנדוקטאָר אונ צווישען איודען וועלכער האָט זיך געוואָגט אָנטאָהן זיינע תפילין אונ בעטין צו גאָט, מיך האָט קיין זאַך דאַמאָלס געאַרט, איך בין געוועזען פערזונקען נור אין מיינע פינסטערע געדאַנקען.

איך קאָן זאָגען אַז מיך האָט דאַמאָלס ניט אַזוֹא געקריינקט מיין אונגליק וויא מיין אנאס אונגליק, מיילע איך בין אַמאַנספּערזאָהן, אַמענטש וואָס איז שוין געוואוינט צוא צרות, אָבער זיא, איונגעס קינד וואָס ווייס נאָך גאָר ניט פון דיא לעבענסליידען, אַקינד וואָס דיא האָפנונג אין איהר גאַנצען פּראַכט האָט פאַר איהר געשטראַהלט, וויא שרעקליך איז איהר לאַגע! זיא מיינט דאָך ווירקליך אַז איהר מאַן האָט זיא געטוישט, אַז ער האָט נאָך אַווייב, אונ אויסער דעם איז דאָך איהר פינסטערער אונ ביטערער אויף דער גאַס אַרוים צוא גיין, דען אונז איז דאָך שוין בעקאַנט מיט וואָס פאַר אויגען אונזערע יודען קוקען אויף אַזאַ אונגליק, איך האָב מיר פאָרגעשטעלט אַז דיא טישפּיטער יודען אָבוואָהל זייא גלויבין אַז נור איך אַליין בין שולדיג. פון דעסט וועגין וועלין זייא לאַכין פון מיין אונגליקליכער פרויא, אונ קוים וועט זיא אַרויס אין דער גאַס וועלין אַלע אויף איהר מיט אַשמייכיל קוקען, אַלע גליעדער האָבין אין מיר געשוידערט אַלס

אִיךְ הָאבּ מִיךְ פַארְגֶעשְׁטֶעלְט וָואס פַאר אַגֶעדַאנְק דִיא אוּנְשׁוּלְדִיגֶע הָאט יֶעצְט וֶועגֶען מִיר, בַּייא אִיהר אִיז דָאךְ קַיין צְווייפֶעל דָא אַז דָאס וָואס דִיא פלעפען הָאט עֶרְצֶעהְלְט אִיז אֶמֶת, נוּא קָאן זִיא שׁוֹין פוּן מִיר הָאבִּין אַגוּטֶע מֵיינוּנג? זִיא רֶעכִינְט מִיךְ פַאר אַטַייפֶעל, פַאר אַרוֹצֵחַ, פַאר דֶעם עֶרְגְסְטֶען מֶענְטְשֶׁען אִין דֶער וֶועלְט, אוּנ אִיךְ קָאן אוֹיף אִיהר דֶער פַאר קַיין פֶערְאִיבִּיל הָאבִּין, דֶען אַזַא אוּנְשׁוּלְדִיגֶעס קִינְד וָואס קָאן נָאךְ נִיט אוּנְזֶערֶע פֶערְדָארְבֶּענֶע מֶענְטְשֶׁען זִיא מוּז גְלוֹיבֶּען אַז אַלֶעס אִיז וָואהר.

מִיר זַיינֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין טרילטא פוּנְקְט עֶרֶב פֶּסַח, אוּנ עֶס אִיז גֶעבְּלִיעבֶּען מִיא זָאל דָאס פָאהְרֶן נָאךְ לִיטַייקֶעץ אָבְּלֵייגֶען אוֹיף חוֹל הַמוֹעֵד.

אַגֶעפֶעהְרְלִיכֶער קְרַאנְקֶער וֶועלְכֶער לַיידֶעט אוּנֶערְבַּארְמְלִיךְ בֶּעט זִיךְ אַלְס מִיא זָאל אִיהם אִיבֶּערְלֵייגִין אִין אַצְווייטֶער בֶּעט, אִים שַׁיינְט אַז דָארְט וֶועט אִיהם גְרִינְגֶער וֶוערִין, נוּר קוֹים לֵייגְט מֶען אִים אַרַיין אִין דֶער צְווייטֶער בֶּעט, וִויל עֶר צוּרִיק אִין דֶער עֶרְשְׁטֶער, וַוייל אִים שַׁיינְט אַז דָא אִיז אִיהם נָאךְ עֶרְגֶער.

מִיט מִיר אִיז אוֹיךְ אַזוֹא גִיוֶוען, אַלְס אִיךְ בִּין גִיוֶוען אִין טישפיט, הָאבּ אִיךְ גֶעצֵיילְט דִיא מִינוּטֶען אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין אִין טרילטא, וַוייל מִיר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגֶעבֶּען אַז דָא וֶועט מִיר זַיין בֶּעסֶער דֶען אִין טרילטא הָאבּ אִיךְ זֶעהֶער פִיעל גוּטֶע פְרַיינְד, בַּייא וֶועלְכֶע אִיךְ קָאן טְרָאסְט אוּנ רַאטְהֶע גֶעפִינֶען, קוֹים אָבֶּער בִּין אִיךְ שׁוֹין גִיוֶוען אִין טרילטא הָאבּ אִיךְ חֲרָטָה גֶעהַאט וָואס אִיךְ בִּין אַהֶער גֶעקוּמֶען, דֶען נָאךְ אִין דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג פוּן אוּנְזֶער קוּמֶען אַהֶער הָאט דִיא פֶערְפְלוּכְטֶע פלעפען פֶערְבְּרֵייטֶעט אִיבֶּעראַל דִיא נַאכְרִיכְט אַז וֶועהְרֶענְד אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִיהר מַאן הָאבּ אִיךְ גֶעהֵייראַטְהֶעט מִיט אַיין אַנְדֶערֶער, צוּא וֶועלְכֶען גוּטֶען פְרַיינְד אִיךְ בִּין אַרַיין גֶעקוּמֶען הָאט עֶר אוֹיף מִיר גֶעקוּקְט קְרוּם אוּנ פֶערְאֶכְטְלִיךְ, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין גִיהֶערְט פוּן דֶער גֶעשִׁיכְטֶע, אוּנ עֶר הָאט גֶעגְלוֹיבְּט בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה אַז דָאס אִיז אֶמֶת, דִיא וַוייבֶּער פוּן מַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד הָאבִּין מִיךְ פָּשׁוּט גֶעוָואלְט צֶערְרַייסִין וִויא אַהֶערִינְג, עֶרְשְׁטִינְס הָאבִּין זַייא רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער אָרֶעמֶער פלעפען וֶועלְכֶע הָאט פַאר זַייא מִיט טְרֶערִין אִיהר אוּנְגְלִיק עֶרְצֶעהְלְט, צְווייטֶענְס הָאבִּין זַייא

פְּשׁוּט מוֹרָא גֶעהַאט אַז זַייעֶרֶע מַאנֶען זָאלִין זִיךְ פוּן מִיר דִיא תּוֹרָה נִיט אוֹיס לֶערְנֶען חֲתוּנָה הָאבֶּין מִיט אַנְדֶערֶע מֵיידְלַאךְ, קוּרְץ גִירֶעט אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין טרילטא אויךְ אַזוֹא אוֹיף צָרוֹת וִויא אִין טישפיט, אִיךְ בִּין דָא אוֹיךְ גִיוֶוען פֶערְהַאסְט פוּן יֶעדֶען בֶּעזוּנְדֶער.

אֵיין מָאהל אַלְס אִיךְ בִּין אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין מַיין צִימֶער הִין אוּנ צוּרִיק שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט אִיז צוּא מִיר אַרַיין גֶעקוּמֶען מַיינֶער אַגוּטֶער פְרַיינְד אברהם צִיממערפעלד, דָאס וַואר זֶעהֶער אַפַיינֶער אָרְדֶענְטְלִיכֶער יוּנְגֶער מַאן, אוּנ עֶר הָאט מִיךְ פְרִיהֶער זֶעהֶער לִיעבּ גֶעהַאט אוּנ גֶעאַכְטֶעט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט גֶעגֶען מִיר מִיט אַזוֹיעֶרֶע מִינֶע, אוּנ וִויא אִין כַּעַס.

וָואס בִּיזְטוּ אַזוֹא מִירְרִישׁ? — הָאבּ אִיךְ אִיהם גֶעפְרֶעגְט.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגֶען פִּיקטעל אַז אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר אַזַא אוּנְרֶעכְט נִיט עֶרְוַוארְטֶעט — הָאט עֶר גֶעזָאגְט נָאךְ אַקוּרְצֶעס נָאכְדֶענְקֶען — פֶע! דוּא בִּיזְט גָאר נִיט וֶוערְטָה מִיא זָאל זִיךְ מִיט דִיר בַּאגֶעגְנֶען.

נוּא וֶוער זְשֶׁע צְווִינְגְט דִיךְ דוּא זָאלְסְט זִיךְ מִיט מִיר בַּאגֶעגְנֶען? — הָאבּ אִיךְ גִיעֶנְטְפֶערְט שְׁטַארְק אִין כַּעַס, דֶען מִיר אִיז שׁוֹין נִמְאָס גֶעוָוארִין זִיךְ צוּפֶרְטְהֵיידִיגֶען פַאר יֶעדֶערְן בֶּעזוּנְדֶער — אִיךְ הָאבּ דִיךְ דוּכְט זִיךְ נִיט גֶעשִׁיקְט רוּפֶען.

צִיממערפעלד הָאט אוֹיף מִיר פֶערְוואוּנְדֶערְט גֶעקוּקְט, עֶר הָאט מִיךְ גוּט גֶעקָאנְט, אוּנ עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ בִּין נִיט פֶעהִיג מִיט אַזַא כַּעַס צוּא עֶנְטְפֶערִין אַגוּטֶען בְּרוּדֶער, עֶר הָאט אַשְׁמֵייכִיל גֶעטָאהן אוּנ הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט: דוּא הָאסְט מִיךְ נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען מַיין פְרַיינְד, דוּא מֵיינְסְט גֶעווִיס אַז אוּנְטֶער דֶעם וָוארְט אוּנְרֶעכְט מֵיין אִיךְ דָאס וָואס אַלֶע מֵיינֶען אַז דוּא הָאסְט צְוַוייא וַוייבֶּער, נֵיין! אִיךְ מֵיין גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ דַיין אוּנְרֶעכְט בֶּעשְׁטֶעהט אִין דֶעם וָואס דוּא הָאסְט אַזַא קַאנַאלְיֶע אַזַא... נִיט אוֹיס גֶעשְׁלָאגִין אַלֶע צֵיין וָואס דוּא הָאסְט זִיא נִיט גֶעמַאכְט פַאר אַקַאלִיקֶע זִיא זָאל דִיא כַּפָּרָה וֶוערִין אוּנְטֶער דַיינֶע הֶענְד.

אִיךְ הָאבּ אִיהם אָנְגֶעקוּקְט עֶרְשְׁטוֹיינְט, דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהל אִין דֶער גַאנְצֶער צֵייט הָאבּ אִיךְ יֶעצְט גֶעהֶערְט אֵיינֶער זָאל זָאגִין אַגוּט וָוארְט אִין מַיין זַייט, עֶנְדְלִיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט: זָאג מִיר

נור וויא קומט דאס וואס דוא גלויבסט ניט אזו וויא אלע אז איך בין ווירקליך שולדיג.

איך האב דאס טאקי ביז אהער גענלויבט, נור היינט האב איך מיר איבערצייגט אז דוא ביזט ריין וויא איין ענגעל.

וויא אזוא האסטו זיך דאס איבערצייגט?

איך וועל דיר ערציילען מיך האט זעהער אינטערעסירט דיין געשיכטע, אונ איך האב מיך בעשלאסען עס מאג זיין וואס עס וויל, איך מוז ערפאהרען דעם אמת, דוא קאנסט דאך מיך, דוא ווייסט אז חאטש איך בין ניט קיין אקטיאר פון דעסט וועגין קאן איך שפילין אראליע וויא דער בעסטער קאמיקער, דארום בין איך הייטע אריין געקומען צוא דער פריילין פלעפען, האב מיך צוא איהר פריינדליך צוגעשארט, אונ האב איהר געוויזען אזעלכע פריינדשאפט אז זיא איז פשוט ענטציקט געווארין פון מיר, איך האב גלויבט איהר העלדענמוטה, אונ האב געזאגט אז נאך אזא קינסטלערין וויא זיא איז, האב איך ניט געזעהן, אונ דאביי האב איך איהר געפרעגט פיעלייכט קאן איך איהר מיט עטוואס דינען, זיא האט זיך איינינע מינוטען מישב געווען אונ האט ענדליך מיר געזאגט דיא ווערטער: הערר צימערפעלד! איך זעה אז איר זייט איינער פון די פיינסטע מענט-שען אין דער וועלט, אונ אזוא וויא איך בין דא עלענד איך האב ניט ווער עס זאל מיר מיט העלפען, רעכין איך אז גאטט האט אייך אהער געבראכט, אום מיר צוא רעטען.

זאגט פריילין וואס זאל איך טאהן — האב איך זעהער צארטליך גיענטפערט — איך וועל פאר אייך לויפין אין פייער אדער אין וואסער.

איך פערלאנג פון אייך אקליינינקייט — האט זיא מיר מיט איר זיסס שמייכעלע גיענטפערט — אזוא וויא עס איז געבליבען מיר זאלין אלע אריין פארין אין ליטייקען, איך זאל דארט ווייזען דאס הויז וואו מיר האבין חתונה געהאט אונ דיא עדות וואס זיינען אויף דער חתונה גיוועזן, אונ איך האב ביידע זאכין פערגעסען, איך געדיינק דאס הויז ניט, אונ איך קאן דיא עדות ניט.

נוא וואס זשע ווילט איהר? — האב איך נייאגיעריג געפרעגט ; וויל איך אייך בעטין, איהר זאלט אריין פאהרין אין ליטייקען,

און דארט געבין אדארטיגין בעל הבית עטליכע רוביל, ער זאל זאגין אז דיא חתונה איז אין זיין הויז גיוועז, און ער אליין מיט נאך אפאר מענטשען (וואס ער וועט שוין פאר געלד אויס זוכען) זיינען אויף דער חתונה גיוועז.

דא האב איך פערשטאנען דעם גאנצען שווינדעל — האט צימערפעלר ווייטער ערציילט — דא איז אראפ געפאלען דיא מאסקע פון מיינע אויגען, און איך האב גיזעהן אז דיא פערפלוכטע פרויא האט זיך אן דיר אנגעטשעפעט אומזיסט, איך האב פון גרויס כעס אווארט ניט געקאנט ענטפערין, און האב איהר ענדליך פער־שפראכין דאס צו טאהן, און טאקי פון איהר בין איך געלאפין צו דיר פרעגין וואס איך זאל טאהן, און אויסבאטלען צו דיין קאפף אלע בייזע חלומות דער פאר וואס דו ביזט אזא לעמעשקע, אזא שלימזל.

איך בין געפאלען צימערפעלדן אויף דעם האלדז און האב איהם געהאלזט געקושט, פריידענטרערין האבין זיך פון מיינע אויגען געגאסין אויף דעם וואהרען גוטען ברודער, זא דאס ער איז אויך גערירט געווארין, און ער האט אויך טרערין פערגאסין.

איך דאנק דיר מיין פריינד! — האב איך אונטער הייסע טרערין געזאגט — איך דאנק דיר וואס דו האסט זיך איבער מיר ערבארמט און ביזט מיר צו הילף ארויס געגאנגען, גאטט זאל דיר דער פאר בעצאהלען.

גאט וועט מיר שוין שפעטער בעצאהלען, איך וועל מיך שוין מיט איהם אברעכענען — האט צימערפעלד לאכענד געזאגט — נור דער וייל לאמיר זיך מישב זיין וואס מיא זאל יעצט טאהן, עס איז אשאדע אזא צופאל.

זעהער איינפאך — האב איך גיענטפערט — דאס וועסטו ערציי־לען ביא דעם רב.

דו ביזט אגרויסער נאר! — האט ער מיר גיענטפערט — נוא וואס וועסטו טאהן אז זיא וועט זיך אבלייקענען און זיא וועט זאגין אז זיא האט דאס מיר גאר ניט געזאגט, און דער וייל וועט זיא טאקי אונטערשיקען אהין אגוטען ברודער מיא זאל דארט פאלשע עדות קריגען.

נוּא וָואס וָשֶׁע רַאטְהֶעסְט דוּא ?

איך בִּין דָאךְ גֶעקוּמֶען דִיךְ פְרֶעגֶין אַנ׳עֵצָה .

הֶער נָאר אוּים ציממערפעלד — הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט נָאךְ אַקוּרְצֶעם נַאכְדֶענְקֶען — דוּא טוּא אַזוֹא, גֶעה אַריין צוּא אִיהר, אוּנ גִיבּ אִיהר צוּא עֶרְקְלֶערֶען אַז אִין אַזַא קְלֵיין שְׁטֶעטִיל וִויא ליטייקעץ וֶועט זֵייעֶר שְׁוֶוער זַיין צוּא בֶּעקוּמֶען פַאלְשֶׁע עֵדוּת, דַארוּם אִיז דַיין עֵצָה זִיא זָאל זָאגֶין אַז זִיא הָאט אַטְעוּת גֶעהַאט דַאמִיט וָואס זִיא הָאט גֶעזָאגְט אַז דִיא חֲתוּנָה אִיז גִיוֶוען אִין ליטייקעץ, זִיא הָאט זִיךְ דֶערְמָאהְנְט אַז דִיא חֲתוּנָה אִיז נָאר גִיוֶוען דָא הִיא אִין דֶעם הָאטֶעל בערלין, פֶערְזִיכֶער אִיהר אַז דוּא הָאסְט צֶעהן מֶענְטְשֶׁען וָואס וֶועלִין עֵדוּת זָאגֶין נָאר אָהן גֶעלְד אַז זֵייא זַיינֶען גִיוֶוען אוֹיף אוּנְזֶער חֲתוּנָה. זִיא גְלוֹיבְּט דָאךְ דִיר וֶועט זִיא דִיר גֶעוִויס פָאלְגֶין, דָא וֶועט מֶען דֶעם גַאנְצֶען פַאלְשׁ אַרוֹיס זֶעהן .

וֶוער וַויים צוּא וֶועט זִיא מִיר גְלוֹיבִּין ?

פְּרוּף זִיךְ וָואס קָאנְסְטוּ דָא אָן וֶוערִין .

אִיךְ וֶועל דִיךְ פָאלְגֶין אוּנ אִיךְ גֶעה שׁוֹין צוּא אִיהר אַרִיבֶּער — הָאט ציממערפעלד גִיעֶנְטְפֶערְט — דוּא קָאנְסְט דָא וַוארְטֶען אוֹיף מַיין תְּשׁוּבָה .

אִיךְ וֶועל וַוארְטֶען — הָאבּ אִיךְ גִיעֶנְטְפֶערְט .

ציממערפעלד אִיז אַוֶועק גֶעלָאפֶען, עֶר הָאט זִיךְ גֶעזַאמְטְ בֵּייַנאהֶע צְווייא שְׁטוּנְדֶען, נַאכְהֶער אִיז עֶר אַריין גֶעלָאפִין צוּא מִיר הֶעכְסְט עֶרְפְרֵייעֶט מִיט דֶער נַאכְרִיכְט אַז זִיא אִיז צוּפְרִידֶען מִיט דֶעם פְּלַאן, „דִיא נַארֶעשֶׁע אַפְּפֶע הָאט מִיךְ פָּשׁוּט גֶעוָואלְט חַאפִּין קוּשֶׁען פַאר דֶער גוּטֶער עֵצָה״ הָאט ציממערפעלד גֶעזָאגְט, „זִיא הָאט מִיר פֶערְזִיכֶערְט אַז צֵייט זִיא לֶעבְּט וֶועט זִיא מִיךְ נִיט פֶערְגֶעסֶען פַאר דֶער טוֹבָה״ .

וֶועט זִיא שׁוֹין קֵיין חֲרָטָה הָאבִּין ?

זַייא זִיכֶער אַז זִיא וֶועט זִיךְ שׁוֹין הַאלְטֶען אֵיינְס אַז דִיא חֲתוּנָה אִיז גִיוֶוען אִין הָאטֶעל בערלין, עֶפֶּעס הָאט זִיא דָאךְ צֶעהן לֶעבֶּעדִיגֶע עֵדוּת, אוּנ אִיךְ בִּין אוֹיךְ אִין דֶער מִיט .

נוּא נָאט זַייא דַאנְק! — הָאבּ אִיךְ צוּא זִיךְ אַלֵיין גֶעזָאגְט — עֶס אִיז יֶעצְט פָּארְט גֶעקוּמֶען אַסוֹף צוּא מַיין אוּנְגְלִיק .

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין קוֹים עֶרְלֶעבְּט דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג חוֹל הַמוֹעֵד, אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִיט וִויסֶענְדִיג גֶעמַאכְט אוּנ בִּין אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּא מַיין שְׁוֶוער פֶּאדֶערִין מִיר זָאלִין פָאהְרִין נָאךְ ליטייקעץ, עֶר אִיז בַּאלְד אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּא דֶער פלעפען אִיהר צוּא זָאגֶען זִיא זָאל הַיינְט פָארִין מִיט אִים נָאךְ ליטייקעץ, אוּנ וִויא עֶרְשְׁטוֹינְט אִיז עֶר גֶעוָוארִין אַלְס זִיא הָאט אִיהם גֶעזָאגְט אַז זִיא הָאט אִים גָאר גֶענַארְט דַאמִיט וָואס זִיא הָאט גֶעזָאגְט אַז דִיא חֲתוּנָה אִיז גִיוֶוען אִין ליטייקעץ, „אוּנְזֶער חֲתוּנָה" הָאט זִיא אִיהם גֶעזָאגְט שְׁטָאלְץ „אִיז גִיוֶוען דָא הִיא אִין דֶעם הָאטֶעל בערלין, אוּנ אִיךְ הָאבּ צֶעהן עֵדוּת וָואס זַיינֶען דֶערְבַּייא גִיוֶוען".

---

# יא

## דֶער גְוַואלְד גֶט.

אִיךְ וָואלְט מִיר יֶעצְט גֶעוואוּנְטְשֶׁען צוּא זַיין נוּר אַפְרֶמְדֶער לֶעזֶער פוּן מַיין גֶעשִׁיכְטֶע אוּם אִיךְ זָאל וִויסֶען וָואס פַאר אַנְ אַיינְדְרוּק זִיא מַאכְט אוֹיף אַייךְ מַיינֶע לֶעזֶער, אִיךְ בִּין זֶעהֶער בַּייאגִיעֶרִיג צוּא וִויסֶען צוּא אַייךְ אִינְטֶערֶעסִירְט דִיא מַעֲשֶׂהלֶע, וַוייל אִיהר הָאט שׁוֹין לַאנְג נִיט גֶעלֶעזֶען (אוּנ פִיעלַייכְט טַאקִי קֵיין מָאהל) אֵיינֶע וַואהְרֶע גֶעשִׁיכְטֶע וָואס דֶער הֶעלְד פוּן אִיהר שְׁרַייבְּט זִיא אַלֵיין מִיט דֶעם בְּלוּט פוּנֶם זַיין הֶערְצֶען.

יַא אִיךְ שְׁרַייבּ דִיא אַלֶע וֶוערְטֶער מִיט דֶעם בְּלוּט פוּן מַיין הֶערְצֶען, אִיךְ וִויל עֶרְשְׁטֶינְס מַיין בִּיטֶער הַארְץ אוֹיף דֶעם פַּאפִּיר אוֹים גִיסִין וַוייל אִיךְ הָאבּ נִיט אַזַא גוּטֶען פְרַיינְד פַאר וֶועלְכֶען אִיךְ זָאל קָאנֶען מַיינֶע בְּלוּטֶענְדֶע וואוּנְדֶען וַוייזֶען, אוּנ צְוַוייטֶענְס וִויל אִיךְ מִיט מַיין אוּנְגְלִיק אוֹיפְמֶערְקְזַאם מַאכִין אַלֶעמֶען אַז אוֹיף גוּטֶע פְרַיינְד זָאל מֶען זִיךְ נִיט פֶערְלָאזִין, קוֹים טְרֶעפְט חָלִילָה יֶעמַאנְדֶען אַיין אוּנְגְלִיק זָאל עֶר בַּייא גוּטֶע פְרַיינְד קֵיין עֵצוֹת פְרֶעגִין וִויא אַזוֹא זִיךְ צוּא רֶעטֶען, דֶער אֵייגֶענֶער שֵׂכֶל, עֶר מָאג וִויא קְלֵיין זַיין, אִיז טְהַייעֶרֶער אִין אַנְאטְהְפַאל פוּן פְרֶעמְדֶע גְרוֹיסֶע חָכְמוֹת, דָאבַּייא וִויל אִיךְ דָא בַּאוַוייזֶען דֶעם יוֹשֶׁר פוּן אֵיינִיגֶע נַארֶעשֶׁע רַבָּנִים וָואס אוּם

צוא ווייזען זייער קראפט אין פלפול. איז בייא זייא רעכט אמענטשין אונגליקליך מאכין.

שטעלט אייך פאר ליעבע לעזער, (נור איך בעט אייך נאך אמאהל איהר זאלט אויף דער געשיכטע ניט קוקען וויא אויף איין אויסגעטראכטע) שטעלט אייך פאר ווען איהר זאלט דאבייא זיין וויא דיא פלעפען וואס האט געשריען אין איין קול אז איך האב מיט איהר געהייראטהעט אין ליטייקען פאר עדות, אונ זיא קאן דאס הויז, ווען דיא פערפלוכטע פרויא זאל אייך פלוצים זאגין: איך האב אטעות געהאט, איך האב נאר פערגעסען אז מיין חתונה איז געווען אין טרילטא אין דעם האטעל בערלין, פאר צעהן מענטשען, אונ דער ווירטה פון דעם האטעל וויא אויך אלע זיינע בעדינטע וואלטין אייך איהר אין דיא אויגען געזאגט אז דאס איז כזב ושקר, אז זייא ווייסין פון קיין חתונה ניט, אונ פון דיא אלע צעהן עדות וואס זיא האט געזאגט האט זיא ניט געבראכט ניט איינעם, וואס וואלט איהר גיענטפערט? מיר דוכט אז ווער עס האט נור אגלייכען מענטשענפערשטאנד וואלט דער מרשעת ארויס געזאגט פון שטוב, מיא וואלט זיא פערלאכטעט אונ פערפאלגט פאר אזא ניעדערטרעכטיגקייט.

דער טרילטער רב האט אבער אנדערש געפסקט, הערט ברידער אוישר.

אלס דיא פלעפען האט אנגעהויבין צוא שרייען אז אונזער חתונה איז געווען אין דעם האטעל בערלין האט מיין שווער מיך, אויך זיא, געפאדערט צום רב, מיר זיינען אלע צוא איהם געקומען, אונ האבין איהם "דעם היילגען רב" אונזערע טענות געזאגט. דער רב האט באלד געשיקט רופען דעם ווירטה פון דעם האטעל, אויך אלע בעדינטע, ער האט זייא געפרעגט צוא זייא ווייסין פון מיין חתונה מיט דער פלעפען, דיא אלע מענטשין האבין דעם רב פערוואונדערט אנגעקוקט, אונ האבין לאכענד גיענטפערט אז ניט נור פון אחתונה וואלטין זייא געוואוסט, זייא ווייסין אפילו וויפיל מאהל יעדער פון מיינע גוטע פריינד האבין מיך בעזוכט, אונ ווען עס זאל זיין בייא פיקטלען חופה אין דעם האטעל וואלטין אפילו דיא שכנים פונם האטעל דאס געוואוסט.

וואו זֶשֶׁע זַיינֶען אַייֶערֶע עֵדוּת? – הָאט דֶער רָב דֶער פלעפען גֶעפְרֶעגְט.

אִיךְ קָאן זַייא נִיט אַלֶע נוּר אֵיינֶעם גֶעדֵיינְק אִיךְ דָאס אִיז אברהם ציממערפעלד.

מִיא הָאט גֶעבְּרַאכְט ציממערפעלדן, אוּנ עֶר הָאט אָפֶען דֶעם רָב עֶרְצֶעהְלְט אַז זִיא הָאט אִיהם גִיבֶּעטִין עֶר זָאל זַיין אַיין עֵדוּת בַּייא אִיהר אוּנ עֶר זָאל נָאךְ צְעהן מֶענְטְשִׁין גֶעפִינֶען וָואס זָאלִין עֵדוּת זָאגִין אַז זַייא זַיינֶען אוּיף אִיהר חֲתוּנָה גִיוֶועזֶן.

אַלֶע הָאבִּין זִיךְ פוּנְאֵיינַאנְדֶערְגֶעלַאכְט, זַייא הָאבִּין שׁוֹין זִיךְ אַלֶע אִיבֶּערְצֵייגְט אַז דִיא פֶערְפְלוּכְטֶע פלעפען הָאט דָא אוּיף מִיר נוּר אַבִּלְבּוּל גֶעמַאכְט, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דֶער רָב וֶועט דֶער אוּנְ-פֶערְשֶׁעמְטֶער גוּט אוּיס זִידְלֶען, אוּנ וֶועט זִיא פוּן זַיין שְׁטוּבּ אַרוֹיס טְרַייבִּין, נוּר וִויא אִיבֶּערַאשְׁט אוּנ עֶרְשְׁרָאקֶען אִיךְ בִּין גֶעוָוארִין, אַלְס דֶער הֵיילִיגֶער רָב הָאט גֶעזָאגְט גֶעלַאסֶען: רַבּוֹתַי! אִיךְ זָאג אַייךְ אָפֶען אַז רבי יצחק פיקטעל אִיז דָא אוּנְשׁוּלְדִיג, עֶר הָאט קֵיין מָאהל מִיט דֶער פְרוֹיא קַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּנ דָאס זֶעהֶן מִיר דָאךְ אַלֶע אַז אַלֶע אִיהרֶע וֶוערְטֶער זַיינֶען לוֹיטֶער לִיגֶענְס נוּר פוּן דֶעסְט וֶועגִין מוּז דֶער הֶערר פיקטעל אִיהר גֶעבִּין גֶט, וַוייל עֶס אִיז דָא אַבְּפֵירְשֶׁע מִשְׁנָה אִין קִדוּשִׁין *) אַז אֵיינֶע זָאגְט צוּא אַמַאנְסְפֶּערְזָאן דוּא הָאסְט מִיךְ מְקַדֵּשׁ גִיוֶועזֶן אוּנ עֶר זָאגְט אַז עֶס אִיז אַלִיעגֶען, טָאהר זִיא קַיין חֲתוּנָה נִיט הָאבִּין מִיט אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע קְרוֹבִים, אוּנ רש״י מַאכְט אוּיף דִי וֶוערְטֶער, אַז זִיא טָאר מִיט קֵיינֶעם קַיין חֲתוּנָה הָאבִּין בִּיז עֶר וֶועט אִיר גֶעבִּין אַגֶט, זֶעהט מֶען דָאךְ אַרוֹיס דֶער פוּן אַז רבי יצחק פיקטעל מוּז אִיהר גֶעבִּין אַגֶט וַוייל דָא אִיז אוּיךְ אַזַא גֶעשִׁיכְטֶע, זִיא זָאגְט אַז עֶר הָאט מִיט אִיהר חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּנ עֶר זָאגְט אַז עֶס אִיז אַלִיגִין.

אָ דוּא גֶאטְלִיכֶער משה! קוּק אַרָאפּ פוּנֶם הִימֶעל אוּנ זֶעה וִויא אוּנְזֶערֶע רַבָּנִים טוּהֶען פֶערְקֶערְט אַלְס דוּא הָאסְט גֶעשְׁרִיעבֶּען, דוּא



*) קדושין (ס״ה ע״א) היא אומרת קדשתני והוא אומר לא קדשתיך הוא מותר בקרובותיה והיא אסורה בקרוביו; ופירש״י דאסרה נפשה אבולי עלמא עד שיתן לה גט.

האסט אנגעזאגט אין דיין הייליגער תורה ,על פי שנים עדים יקום דבר' אז נור דורך צוויא עדות מוז דאס בית דין בעשטעטיגען אפראצעס, אונ אונזערע רבנים באדארפין גאר קיין עדות ניט, פאר זייא זייגען געגוג דיא טייטע בוכשטאבין פון אקאמענטאטאר וואס זייא פער־שטעהן גאר ניט, דוכט זיך דער טרילטער רב אויך זיין דין האבין גיזעהן אז איך בין גירעכט , אז איך בין אונשולדיג , אונ דאך האבין זייא זיך אנגעהאפט אן אדין וואס זייא פערשטעהען גאר ניט אונ האבין אזא שרעקליכען פסק ארויס געגעבין , איך זאלל גטין אפרעמדע פרויא , מיין בלוט האט אין מיר געזאדין אונ איך האב גיענטפערט :

ניין ! איך וועל אייך ניט פאלגין אין אזא זאך , איך וועל ניט געבין מיין ערגסטען שונא אשווערד אין דער האנד ער זאל מיר מיין קאפף אבהאקין , היה לא תהיה ! דאס קאן ניט זיין אונ עס וועט ניט זיין .

מיט דיא ווערטער בין איך ארויס געלאפין פונם רבס שטוב .

אלס איך האב דעם רבס פסק ערצעהלט פאר דעם הערין קשינפעלד וועלכער איז איינער פון דיא געבילדעסטע מענטשען אין אונזער צייט, האט ער מיר מיט אזיפץ גיענטפערט : איך האב מורא ליעבער פריינד איהר זאלט דא ניט גוט אבשניידען , קוים האט דער רב אזוא געפסקט , מאגין אלע ויסען אז איהר זייט ריין וויא אנענגעל וועט מען אייך פארט פערפאלגען פון אלע זייטען , איהר זאלט מיך וועלין פאלגין וואלט איך אייך גערא טהען איהר זאלט איהר געבין אגט , וועט איהר ווענינגסטענס ויסען אז זיא האט זיך פון אייך אבגעטשעפעט , איהר פערשטעהט דען ניט אז קוים האט דיא אונ־פערשעמטע פרויא אזא פסק גיהערט פונם רבס מויל וועט זיא אייך שוין ניט אבלאזין .

איהר אויך ? — האב איך אויסער זיך פאר כעס געשריען — איר רעט מיר אויך צוא איך זאל געבין אגט אפרעמדע פרויא אונ זאל מיין נאמען אויף עוויג פערשמוטצען ?

איך האב אייך געזאגט מיין דאטה , אונ ווייטער טוט וויא איר פערשטעהט .

איך בין צארניג פון איהם אוועק געגאנגען .

(האלב מענטש)

אלע מיינע גוטע פריינד האבין מיר געראטהען איך זאל איהר געבין גט אבי פטור ווערין פון דעם שלאק, איך האב זייא אבער ניט געפאלגט, אונ האב אנגעגעבין אביטשריפט אין סוד, אונ האב גיבעטין דער סוד זאל מיך מיט דער פלעפען משפטין.

דער סוד האט אבער מיר ענטזאגט, „דאס גיהערט צוא דיא יודישע רבנים" האב איך בעקומען איין אנטווארט.

נוא אונ דעם פסק פון דיא יודישע רבנים האב איך דאך שוין גיהערט, איך האב זיך בעסלאסין אז עס מאג זיין וואס עס וויל, איך זאל איהר פאר קיין פאל קיין גט געבין, דאס איז זעלבסט פער־שטענדליך אז אלע קלוגע ארדענטליכע לייט האבין פערשטאנען אז איך האב רעכט, אונ האבין דער פלעפען פעראכטעט מיא האט זיא גאר אין קיין רעכט הויז ניט געוואלט אריין לאזין.

דאן האט דיא פערפלוכטע פרויא מיך אנגעהויבין נאר אנדערש צו פערפאלגען, זיא האט מיך נאכגעיאגט וואו איך בין נאר געגאנגען אונ געשטאנען, זיא איז מיר זאגאר נאך געפארין אין פרעמדע שטעט, אונ האט איבעראל בעקאנט געמאכט אז איך האב מיט איהר חתונה געהאט, אונ האב נאך אפרויא גענומען, אבעווייז האט זיא געוויזען דעם פסק וואס דיא רבנים האבין איהר ארויס געגעבין אז זייא האבין אויף מיר גוזר גיוועז איך זאל איהר געבין גט, געוואוינליך האבין איהר אלע געגלויבט, אונ איך האב מיך ערגעץ ניט געקאנט ווייזין, מיר איז געווארין אזוא שלעכט, אז איך האב זיך פיל מאהל געוואלט דאס לעבען נעמען, אונ איך וואלט דאס געוויס טאהן, ווען מיינער אגוטער פריינד דער בעריהמטער העברעאישער פאעט ד... וואלט מיך ניט געהיט, דער גוטער פריינד אלס ער האט גיזעהן אז איך בין אויף עוויג אונגליקליך האט מיך אזוא לאנג געמוטשעט, ביז איך האב מיך געלאזט איבער ריידין אונ האב ביא דעם רב פונם שטעטיל נאיושאק געמאכט אגט, אונ האב איהם אבגעשיקט מיין מערדערין.

* *
*

איך האב מיך געלאזט איבער ריידין, אונ האב מיין נאמען אויף עוויג פערשמירט, דיא פלעפען איז אצייט ארום געפארין איבער

דער וועלט און האט מיך געמאכט צו שאנד און צו שפאט, זיא האט אלעמען געוויזען דעם גט וואס איך האב איהר געגעבין, און דאמיט איז ביא יעדען דער מינדעסטער צווייפעל אראפ אז אלעס וואס זיא רעט איז אמת, און איך — דאס פערשטעהט איהר אליין — בין ביא יעדען דער וואס ווייס ניט ריכטיג דיא געשיכטע פערערעכינט פאר אמעדער, פאר איין אונמענטשען.

ביא מיר ליעגען איבער 50 בריעף און דאקומענטע פון דיא טרילטער געבילדעטע מעגער וועלכע ווייסין יא ריכטיג דיא געשיכטע, אלע זאגין עדות אז איך בין געפאלין אלס קרבן פאר איין אונערבא-רמליכע טיגערין, אלע שרייען אז דער רב האט מיך מיט זיין פאלשין פסק אונגליקליך געמאכט, אבער וואס העלפט דאס, איך קאן יא ניט ארום פארין אין דער וועלט מיט דיא דאקומענטע און זייא צייגען יעדען בעזונדער, דער נאמען געהט דער וויל. אז פיקטעל האט געהאט צווייא ווייבער אין איין צייט, און האט דיא ערשטע געגט ווערענד דיא צווייטע איז פאר עגמת נפש געשטארבין.

יא מיינע לעזער! מיין טהייערע אננא האט אזא קלאפ ניט געקאנט איבער לעבין, זיא האט בעקומען דיא שווינדזוכט און איז אין איהר פריהלינגסצייט געשטארבין.

נאך צווייא ארמע מענטשען זיינען דורך דעם געשטארבין, מיין אלטער גוטער פאטער און אנאס גראסמוטער, דיא ביידע אלטע מענטשען האבין דיא שאנד ניט געקאנט ערטראגין און זיינען אוועק געפלויגין אין הימעל, אין דער וואהרער אמתר וועלט וואו אזעלכע רציחות קומען ניט פאר.

דאס פריילין פלעפען האט געהייראטהעט, זיא איז פערערעכינט אלס איינע פיינע ארדענטליכע פרויא וועלכע האט נעבאך אמאהל אונשולדיגער ווייזע אזוא פיעל פון אשלעכטין פערדארבענעם מאן געלידין, דיא אלע רעכענען איהר פאר איין ארדענטליך מענטש.

הכלל וואו איז דער יושר? זאגט ברידער וואו זוכט מען דעם אמת?